STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10400

VILHELM TEL

Friedrich Schiller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב.א. קלעצקין



פרידריך שילער

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] 30. 1929.

אויפפירן אָן דער ערלויבעניש פונם איבער־
זעצער פאַרבאָטן.

PRINTED IN POLAND

F. Sziller — „Wilhelm Tel“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

פרידריך שילער

ווילהעלם טעל

יידיש פאַלק הײלפּערין

ווילנע — 1929 — ווארשע

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

פערזאָנען:

הערמאַן געסלער — רייכספאָגט אין שוויץ און אורי

ווערנער, באַראָן פאָן אַטינגהויזען — פאַנטערנער

אולריך פאָן רודענץ — זיין פלימעניק

ווערנער שטאַופאַכער
קאָנראַד הון
רעדינג
האַנס מויער
יערג הויף
אולריך שמיד
יאָסט ווײַלער
} לאַנדסלייט פון שוויץ

וואַלטער פירשט
ווילהעלם טעל
רעסעלמאַן דער גלח
פעטערמאַן דער קלויסטער־שמש
קוני — אַ פאַסטעך
ווערני — אַ יעגער
רודי — אַ פישער
} לאַנדסלייט פון אורי

אַרנאָלד מעלכטאַל
קאָנראַד בוימגאַרטען
מייער סאַרנען
סטרוט ווינקלריד
קלוים פליוע
בורקהאַרט ביהעל
אַרנאָלד סעוואַ
} לאַנדסלייט פון אונטערוואַלדן

פייפער פון לוצערן

קונץ פון געראַו

זשעני — אַ פישער־יינגל

סעפי — אַ פּאַסטעך־יינגל

גערטרוד — שטאַופּאַכערס ווייב

העדוויג — טעלס ווייב, פירסטס טאָכטער

בערטאַ פאָן ברונעק — אַ רייכע יורשטע

אַרמגאַרד
מעכטילד
עלסבעט
הילדעגאַרד
} פויערינס

וואַלטער
ווילהעלם
} טעלס יינגלעך

פריסהאַרדט
לויטהאָלד
} זעלנער

רודאָלף האַראַס — געסלערס שטאַלמייסטער

יאָהאַנעס פּאַריצידאַ — הערצאָג פון שוואַבען

שטיסי — פעלד־שומר

דער טרומייטערער פון אורי

אַ שליח פון דעם רײַך

אויפזעער איבער די אַרבעטער

מוליער־מייסטער, פּועלים, מענטשן צום האַנט

עפנטלעכער אויסרופער

באַרעמהאַרציקע ברידער

געסלערס און לאַנדבערגס רייטער

פיל פויערים, מענער און פרויען פון די וואַלדלענדער

ערשטער אַקט

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

אַ הויכער פעלזנברעג פון דער פירוואַלדשטעטער אָזערע קעגנ-איבער שוויץ. די אָזערע שנײדט זיך אַרײַן מיט אַ בוכטע אין דער יבשה. ניט ווײט פון ברעג — אַ הײזל. דאָס פישער-ייִנגל פאָרט אין אַ שיפל. פון יענער זײט אָזערע זעען זיך גרינע לאָנקעס, דערפער און הויפן פון שוויץ ליגן אין פולער זונענשײַן. לינקס פונם צושויער זעען זיך די שפיצן פון דעם באַרג האַקען, אַרומגערינגלט מיט וואָלקנס. רעכטס אין ווײַטן הינטערגרונד זעט מען די אײַזבערג. נאָך אײדער דער פאָרהאַנג עפנט זיך, הערט מען דאָס שפּילן פון דעם פּאַסטעך און די האַרמאָנישע קלאַנגען פון די פשטערדע-גלעקלעך, וועלכע דויערן נאָך אַ צײַט לאַנג בײַ דער אָפענער סצענע.

פישער=יִנגל

זינגט אין שיפל; מעלאָדיע פון דעם פאַסטעכס שפּילן:

עס שמייכלט דער טייך, ער רופט באָדן זיך אין אים,
דער יִנגל שלאָפט איין אויפן ברעג אויפן גרינעם,
דערהערט ער אַ קלינגען
אַ זיסן, ווי פלייטן,
ווי ס'זינגען מלאכים
אין דעם גן=עדן.
און ווי ער דערוואַכט נאָר אין פרייד און אין לוסט,
שוין שלאָגן די כוואַליעס ביי אים אַרום ברוסט.
און עס רופט פון די טיפן:
ליב יִנגל, ביסט מיין!
איך צי צו דעם שלאָפער
און שלעפּ אים אריין.

פאַסטעך

אויפן ברעג; אַ וואַריאַציע פון דעם פאַסטעכס ניגון:

איר פאַשעס, לעבט וואויל!
לעבט, לאָנקעס, אין פריידן.
מיר מוזן זיך שיידן —
דער זומער אַוועק.
מיר גייען אין די בערג, מיר קומען ווידער,
ווען דער קוקוק וועט רופן, און ערוואַכן — די לידער!
ווען מיט בלומען די ערד וועט אָנטאָן זיך ניי,
ס'וועלן וואַסערלעך פלייצן אין ליבלעכן מאַי.
איר פאַשעס, לעבט וואויל!
לעבט לאָנקעס אין פריידן!
מיר מוזן זיך שיידן.
דער זומער אַוועק!

אַ ל פּ נ י ע נ ע ר

באַווייזט זיך קאָנגאַיבער, אויף דעם שפּיץ פונם פעלז; צווייטער וואַריאַנט:

עס דונערן די הייכן, עס ציטערט דער שטעג,
עס שרעקט ניט דעם שיסער דער שווינדלענדער וועג.
אויף פעלדער פון שנייען
ער שפּרייזט פול מיט מוט;
דאָרט גלאַנצט ניט קיין פרילינג,
דאָרט גרינט ניט קיין רוט.
צופוסנס ביי אים איז פון נעפּלען אַ תהום,
דערקענט ער קיין אָרט ניט צופוסנס אין רוים.
דורך אַ ריס פון די וואָלקנס
נאָר זעט ער די וועלט,
טיף אונטער די וואַסערן —
דאָס גרינענדע פעלד.

די לאַנדשאַפט ענדערט זיך. עס הערט זיך אַ דומפּער קראַכן פון די בערג. שאָטנס פון וואָלקנס לויפן אַדורך איבער דער געגנט.

רודי דער פישער גייט אַרויס פון שטיבל. ווערני דער יעגער לאָזט זיך אַראָפּ פון פעלז. קוני דער פּאַסטעך קומט אָן מיט דער מעלקשעפל אויפן אַקסל. סעפּי זיין געהילף גייט אים נאָך.

ר ו ד י:

גיך, ווערני, יעני, צי אַרויס דאָס שיפל.
דער גרויער טאָל־האַר קומט, עס ברומט דער שניי,
דער מיטענשטיין טוט שוין דאָס היטל אָן,
און ס'בלאָזט אַ קעלט אַרויס פון וועטער־הייל.
די קוקסט זיך ניט אַרום — ווי ס'שטורעמט שוין.

ק ו נ י:

ס'וועט רעג'נען, שיפער. מיינע שעפסן פרעסן
מיט אַפּעטיט דאָס גראָז, און וועכטער שאַרט די ערד.

י ו ע ר נ י:

די פישלעך שפּרינגען, און די וואַסערהון,
זי טוקט זיך; אַ געוויטער הייבט זיך אָן.

ק ו נ י
צום יִנגל:
זע, סעפּי, צי ז׳דאָס פֿי זיך ניט צעלאָפֿן.

ס ע פּ י:
ס׳דערקען די רויטע ל י ז ל נאָך איר גלאָק.

ק ו נ י:
דאָן פֿעלט אונז קיינע ניט, זי נייט די ווייסטע.

ר ו ד י:
איר האָט גאָר פֿיינע גלעקער, מייסטער פֿאָסטעך,
און שיינע פֿי. ס׳איז אייער אייגנס, לאַנדסמאַן?

ק ו נ י:
אַזוי רייך בין איך ניט, דאָס איז מיין האַרט
פֿון אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן, איך האַלט נאָר דעם פּאַכט.

ר ו ד י:
ווי שיין עס פּאַסט דער קו דער באַנד צום האַלז.

ק ו נ י:
זי ווייס אַליין, אַז זי די סטאַדע פֿירט.
און נעמסט עס ביי איר צו — גלייך הערט זי אויף צו עסן.

ר ו ד י:
עט, ווייס איך וואָס! אַן אומפֿאַרשטענדיק פֿי.

ו ו ע ר נ י:
אַזוי זאָגט איר! ס׳איז אויך די חיה קלוג,
דאָס ווייסן מיר, וואָס יאָגן זיך נאָך סאַרנעס:
זיי שטעלן אויס, אַוואו זיי פּאַשען זיך,
אַ קלוגע וואַך, וואָס הערט זיך צו און וואָרנט
מיט הויך געשריי, ווען ס׳קומט אַ יעגער אָן.

ר ו ד י
צום פּאַסטעך:
איר טרייבט אַהיים?

ק ו נ י:

די בערג שוין אָפּגעפּיטערט.

װ ע ר נ י:

זאָל זײַן מיט מזל, פּאַסטעך!

ק ו נ י:

אױך אײַך.

ניט שטענדיק קומט מען צוריק פֿון אײער װעג.

ר ו ד י:

דאָרט קומט אַ מענטש מיט האַסטיקײט צו לױפֿן.

װ ע ר נ י:

איך קען אים, דאָס איז בױמגאַרט פֿון אַלצעלן.

קאָנראַד בױמגאַרטען פֿאַלט אַרײַן אָן אָטעם.

ב ױ מ ג אַ ר ט ע ן:

אום גאָטעס װילן, שיפֿער, אײער שיפֿל!

ר ו ד י:

װאָס איז די אײַלעניש אַזױ?

ב ױ מ ג אַ ר ט ע ן:

בינדט אָפּ.

װײַט מציל מיך פֿון טױט, פֿירט גלײַך אַריבער.

ק ו נ י:

לאַנדסמאַן, װאָס איז מיט אײַך?

װ ע ר נ י:

װער יאָגט אײַך דען?

ב ױ מ ג אַ ר ט ע ן

צום פֿישער:

אײַלט צו. באַלד כאַפּן זײ מיך פֿאַרן קאַרק.

דעם לאַנדפֿאָגטס רײַטער יאָגן זיך נאָך מיר.

איך בין פֿאַרלאָרן, װען זײ כאַפּן מיך.

ר ו ד י:

פאַרוואָס=זשע יאָגן אייך די רייטער נאָך?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

אפריער ראַטעוועט, דערנאָך פרעגט אויס.

ו ו ע ר נ י:

איר זייט אין בלוט פאַרפלעקט. וואָס איז געשען?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

דעם קייזערס בורגפאָגט, וועלכער וואוינט אויף ראָסבערג —

ק ו נ י:

ער, וואָלפענשיסען, יאָגט זיך עס נאָך אייך!

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

דער קאָן ניט שאַדן מער, כ׳האָב אים געטויט.

א ל ע

שפרינגען אָפּ אויף צוריק:

זאָל גאָט אונז היטן, וואָס האָט איר געטאָן?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

וואָס יעדער פרייער מענטש וואָלט אויף מיין אָרט,
איך האָב געטאָן, וואָס מיר דערלויבט מיין רעכט
צום שענדער פון דעם כבוד מיינעם און מיין ווייבס.

ק ו נ י:

דער פאָגט האָט אייער ערע דען פאַרשוועכט?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

וואָס ניט דערפילט האָט ער זיין בייזע תאווה —
האָט פריער גאָט, דערנאָך מיין האַק פאַרהיט.

ו ו ע ר נ י:

איר האָט אים מיטן האַק דעם קאָפּ געשפאָלטן?

ק ו נ י:

אָ, דערציילט אונז אַלץ, איר האָט נאָך צייט גענוג,
ביז אָפּבינדן וועט ער פון ברעג דאָס שיפל.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

כ׳האָב האָלץ געהאַקט אין וואַלד. קומט פלוצלונג אָן
מיין ווייב צו לויפן און אויף טויט דערשראָקן:
דער בורגפאָגט איז ביי מיר אין הויז. ער האָט
פאַר זיך אַ באָד באַפוילן צוצוגרייטן
און שענדלעכעס דערביי האָט ער פון איר
פאַרלאַנגט. איז זי מיך אויפזוכן געלאָפן.
איך בין אַוועק אַהין גלייך, ווי איך שטיי,
און מיט דער האַק צו רפואה אים געוואונטשן.

ז ו ע ר נ י:

האָט גוט געטאָן. קיין מענטש וועט אייך ניט טאַדלען.

ק ו נ י:

אַזאַ מין רשע! דעכט אויף אים. ער האָט עס
שוין לאַנג פאַרדינט פאַר ס׳פאָלק פון אונטערוואַלדען.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

איצט האָט מען זיך דערוואוסט, מען וויל מיך כאַפּן —
אָ, גאָט! מיר ריידן... און די צייט איז קורץ...

עס הייבט אָן צו דונערן.

ק ו נ י:

נו, פישער, שנעלער, פיר דעם מאַן אַריבער.

ר ו ד י:

מען קאָן ניט, ס׳הייבט זיך אָן אַ שווער געוויטער.
מ׳וועט מוזן איבערוואַרטן.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

גרויסער גאָט!
איך קאָן ניט וואַרטן, ס׳איז פאַר מיר דער טויט!

ק ו נ י

צום פישער:

ס׳וועט גאָט אייך ניט פאַרלאָזן, נעמט זיך נאָר.

מען מוז אַ מענטשן העלפֿן אין זיין נויט.
עס קאָן אַזוינס מיט אונז דאָך אויך געשען...

עס בליצט און דונערט.

ר ו ד י :

דער ווינט איז שטאַרק, איר זעט, ווי ס'וואַקסער קאָכט,
איך קאָן ניט שיפֿן קעגן שטורעמווינט.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן

נעמט אים אַרום די קני:

דערבאַרעמט זיך. עס וועט אייך נאָך באַלוינען.

ו ו ע ר נ י :

עס גייט אום לעבן, האָט רחמנות, שיפֿער.

ק ו נ י

אַ בעל-משפּחה — ער האָט אַ ווייב און קינדער.

ס'דונערט אַ מאָל נאָך אַ מאָל.

ר ו ד י :

וואָס — איך דאַרף ניט מיין לעבן איינצושטעלן?
אויך איך האָב ווייב און קינד, ווי ער. זעט נאָר
ווי ס'ברענט, ווי ס'וואַרפֿט און קאָכט אין אַ געווירבל,
און ס'הייבט דאָס גאַנצע וואַסער אויף פֿון תהום.
איך וואָלט דעם פֿיינעם מאַן געהאָלפֿן גערן,
ס'איז אָבער אוממעגלעך, איר זעט אַליין.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן

נאָך אַלץ אויף די קני:

הייסט'ס, כ'מוז אַריינפֿאַלן אין שונאס הענט,
דאָ, וואו די רעטונג איז שוין נאָענט.
אָט ליגט עס, כ'זע עס מיט די אויגן מיינע,
אָט איז אַ שיפֿל צום אַריבערפֿאָרן —
און כ'מוז דאָ בלייבן הילפֿלאָז און פֿאַרצווייפֿלט!

ק ו נ י :

זעט, ווער עס גייט דאָ.

ו ו ע ר נ י:

טעל פון ב י ר נ ל ע ן איז עס.

טעל קומט אַן מיטן בויגן.

ט ע ל:

ווער איז דער מענטש, וואָס בעט, מען זאָל אים העלפן?

ק ו נ י:

ער איז פון אַ ל צ ע ל ן. ער האָט זיין כבוד
פאַרטיידיקט און געהרגעט וואָ ל פ ע נ ש י ס ע ן,
דעם קיניגס בורגפאָגט פונם שלאָס אויף ראָסבערג.
דעם לאַנדפאָגטס רייטער יאָגן זיך נאָך אים.
ער בעט דעם שיפער אים אַריבערפירן,
האָט יענער מורא שווימען אין דעם שטורעם.

ר ו ד י:

אָט איז אויך טעל, אַ רודערער אַ גוטער,
זאָל ער זשע זאָגן, צי מען קאָן איצט פאָרן.

ט ע ל:

וואו נויט טרייבט, שיפער, מוז מען אַלץ דאָרט וואַגן.

שטאַרקע דונער-קלעפּ. די אָזערע הייבט אָן צו רויִשן.

ר ו ד י:

איך זאָל מיך שליידערן אין מויל פון גהינום?
ס'וועט קיין שום קלאָרער מענטש אַזוינס ניט טאָן.

ט ע ל:

דער בראַווער מענטש טראַכט וועגן זיך צום סוף.
אויף גאָט פאַרלאָז זיך, העלף אַן אומגליקלעכן.

ר ו ד י:

ס'איז לייכט צו געבן עצות פון יבשה.
אָט איז די שיף, און אָט דאָס וואַסער — פּרוּווט'ס.

ט ע ל:

דערבאַר'מען קאָן דער טייך זיך, ניט — דער לאַנדפאָגט.
דו פּרוּוו נאָר.

די פּאַסטעכער און די יעגער:

ראַטעווע אים, ראַטעווע אים!

רודי:

זאָל זיין מיין ברודער, צי מיין לייבלעך קינד —
עס קאָן ניט זיין — אין טאָג פון שמעון־און־יהודה!
דאָס וואַסער שטורעמט און עס וויל אַ קרבן.

טעל:

דיבורים פּוסטע וועלן דאָ ניט העלפן.
די צייט איז קורץ, מען מוז דעם מענטשן העלפן.
זאָג, שיפער, ווילסטו פאָרן?

רודי:

ניין, ניט איך!

טעל:

טאָ זאָל גאָט העלפן! גיב דאָס שיפל,
איך וועל מיט מיינע שוואַכע כוחות פּרווון.

קוני:

אָ, דרייסטער טעל!

ווערני:

ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַ יעגער!

בוימגאַרטען:

מיין רעטער זייט איר און מיין מלאך, טעל!

טעל:

איך קאָן אייך רעטן נאָר פון פאָגטס געוואַלט,
פון שטורעם העלפן מוז אייך עמעץ אַנדערש.
דאָך בעסער איז אַריינפאַלן אין גאָטס האַנט,
ווי אין אַ מענטשנס. צו דעם פּאַסטעך. לאַנדסמאַן, טרייסט מיין ווייב,
אויב ס'וועט מיט מיר וואָס מענטשלעכעס געשען.
איך האָב געטאָן, וואָס טאָן האָב איך געמוזט.

שפּרינגט אין שיפל.

ק ו נ י
צום פישער:

איר זייט אַ מייסטער פון אַ שיפער. וואָס טעל
האָט זיך ערלויבט — קאָנט איר דערויף ניט וואַגן?

ר ו ד י:

עס קאָן צו טעלן קיינער זיך ניט גלייכן,
נימאָ קיין צוויי אַזעלכע אין די בערג.

ז ו ע ר נ י
אַרויסגעקראָכן אויפן פעלז:

ער שווימט שוין אָפּ. גאָט העלף דיר, בראַווער שווימער!
זע, ווי דאָס שיפל אויף די כוואַליעס שפרינגט.

ק ו נ י
פון ברעג:

דער שטראָם פאַרגיסט'ס. איך זע עס שוין ניט מער.
נאָר וואַרט, אָט איז עס ווידער! אַך, ווי פיין
דער וואוילער יונג עס אַרבעט דורך דעם שטורעם.

ס ע פ י:

דעם לאַנדפאָגטס רייטער קומען אָן צו פליען.

ק ו נ י:

באמת, זיי! אָט דאָס הייסט הילף אין נויט?

אָן אָפּטיילונג לאַנדבערגישע רייטער.

1 ר י י ט ע ר:

דעם מערדער גיט אַרויס, וואָס איר ט'פאַרבאָרגן!

2 ר י י ט ע ר:

ר'איז זיכער דאָ. אומזיסט באַהאַלט איר אים.

ק ו נ י א ו ן ר ו ד י:

זאָגט, וועמען מיינט איר?

1 ר י י ט ע ר
באַמערקט דאָס שיפל:

הא, וואָס זע איך!

ז ו ע ר נ י

אויבן:

איר זוכט עס דעם, וואָס שווימט אין שיפל דאָרט?

טאָ גיכער רייט, וועט איר אים נאָך דעריאָגן.

2 ר י י ט ע ר:

אָ, שד! ער איז אַוועק!

1 ר י י ט ע ר

צום פּאָטשעק און פּישער:

מיט אייער הילף?

איר וועט חרטה האָבן! שלאָגט די סטאַדע!

די הייזלעך ברעכט, פאַרברענט און מאַכט אַ חורבן! פאַרן שנעל אַוועק

ס ע פּ י

לויפט נאָך:

אָ, מיינע שאָף!

ק ו נ י

נאָך אים:

אוי ווי צו מיר, מיין סטאַדע!

ז ו ע ר נ י:

גזלנים!

ר ו ד י

ברעכט די הענט:

גאָט גערעכטיקער אין הימל!

אַ רעטער פאַר דעם לאַנד ווען וועט שוין קומען!

צווייטע סצענע

דער דאָרף שטיינען אין שווייץ. אַ לינדנבוים פֿאַר שטאַופאַכערס הויז ביים טראַקט, לעבן בריק.

ווערנער שטאַופאַכער און פייפער פון לוצערן קומען אָן רייִדנדיק.

פ י י פ ע ר:

יאָ, יאָ, הער שטאָופּאַכער, ס׳איז ווי איך זאָג אייך.
ניט שווערט צו עסטרייך, אויב ס׳איז נאָר אייך מעגלעך.
ווי פריער האַלט אייך פאַר דאָס רייך, און מוטיק.
זאָל נאָט אייך אויפהיטן די אַלטע פרייהייט.

דריקט אים הערצלעך די האַנט און וויל גיין.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

פאַרבלייבט=זשע ביז מיין ווייב וועט קומען, איר זייט
מיין גאַסט אין שוויץ, איך אייער — אין לוצערן.

פ י י פ ע ר:

אַ דאַנק. איך מוז נאָך היינט ביז ג ע ר ז אַ ו גרייכן.
אַפילו אויב עס איז אייך שווער צו ליידן
די רשעות און די נייץ פון אייערע פאָגטן —
געדולדיק זייט! דאָס קאָן זיך בייטן שנעל,
אַן אַנדער קייזער קאָן דעם טראָן באַשטייגן.
נאָר ווערט איר עסטרייכס — בלייבט איר עס אויף אייביק.

ער גייט אַוועק. שטאַופאַכער זעצט זיך טרויעריק אויפן באַנק אונטער דעם לינדנבוים. אין אַזאַ צושטאַנד געפינט אים ג ע ר ט ר ו ד, זיין פרוי, וועלכע שטעלט זיך לעבן אים און קוקט אויף אים אַ צייט לאַנג שווייגנדיק.

ג ע ר ט ר ו ד:

אַזוי פאַרטראַכט, מיין פריינד? כ׳דערקען דיך ניט.
כ׳קוק שטילערהייט שוין וויפיל טעג מיך צו,
ווי אומעט פינצטערער באַטריבט דיין גייסט,
עס דריקט אַ שטומער טרויער שווער דיין האַרצן.
פאַרטרוי עס מיר, איך בין דיין טרייע ווייב,
און כ׳וויל מיין העלפט באַקומען פון דיין פיין.

שטאַופאַכער דערלאַנגט איר די האַנט און שווייגט.

וואָס קאָן דיין האַרץ באַטריבן, זאָג מיר אויס?
געבענטשט האָט גאָט דיין מי, דיין וואוילשטאַנד בליט.
די שפייכלערס — פולע, און די סטאַדס רינדער,
די פיינע אויסגעפּאַשעטע מאַבונעס פערד
אַהיים בשלום זיינען פון די בערג געקומען,
צו ווינטערן אין די באַקוועמע שטאַלן. —
אָט שטייט דיין הויז, רייך ווי אַ פּריצס שלאָס,
פון שיין און שטאַרק געהילץ אַיז'ס אויסגעבויט
און אויסגעשטעלט געהעריק לויט דעם פּלאַן.
עס גלאַנצט מיט היים פון זיינע פענסטער העל,
מיט בונטע מאָלערייען פיין באַמאָלט,
מיט קלוג'ע שפּרוכן, וואָס אַ דורכגייער
מיט פאַרגעניגן לייענט און באַוואונדערט.

שטאַופּאַכער:

דאָס הויז איז טאַקע פיין געבויט, נאָר — ווי!
עס איז אויף וואַקלדיקן גרונט געשטעלט.

גערטרוד:

מיין ווערנער, זאָג, וואָס מיינסטו מיט די רייד?

שטאַופּאַכער:

כ'בין דאָ אַנומלט אונטער בוים געזעסן,
מיט פרייד באַטראַכט דעם שיינעם בנין, —
קומט פּלוצלונג אָן פון קיסנאַכט, פון זיין שלאָס
דער פאָגט מיט זיינע מענטשן רייטנדיק
און שטעלט זיך פאַר דעם הויז פאַרוואונדערט אָפּ.
כ'בין אויפגעשטאַנען גיך, און מיט הכנעה
בין איך אַוועק אַנטקעגן, לויטן מנהג,
צום שררה, וואָס פאַרטרעט ביי אונז אין לאַנד
דעם קייזערס ריכטער-מאַכט. „ס'איז וועמעס הויז?"
האָט ער געפרעגט מיך מיט אַ שלעכטן מיין,
ווייל ער האָט עס דאָך וואויל אַליין געוואוסט.
איך האָב מיך שנעל באַטראַכט און אים געענטפערט:

— „דאָס הויז, הער פֿאָגט, געהערט מיין האַר דעם קייזער
און אייך, נאָר מיר פֿאַרפּאַכט“. דאַן זאָגט ער מיר:
— „איך בין רעגענט אין לאַנד אָנשטאָט דעם קייזער
און וויל ניט, ס'זאָל אַ פּויער בויען הייזער
אָן מיין רשות און לעבן פֿריי אַזוי,
ווי ער וואָלט פֿאַלעבאָס געווען אין לאַנד.
איך וועל שוין זען, אייך עס צו פֿאַרווערן“.
געזאָגט און גאַוהדיק אַוועקגעריטן.
און איך געבליבן בין אַליין אין טרויער שטיין,
נאָכטראַכטנדיק דעם רשעס בייזע רייד.

גערטרוד:
מיין ליבער האַר און מאַן! דו קענסט אפשר
אַ מוטיק וואָרט פֿאַרנעמען פֿון דיין ווייב?
דעם איידעלן געניטן איבערגס טאָכטער
בין איך. געזעסן זיינען מיר, די שוועסטער,
און וואָל געשפּינען אין די לאַנגע נעכט,
ווען ביי דעם פֿאָטער פֿלעגן זיך די זקנים
צונויפֿזאַמלען און לייענען די בריוו
פֿון די קייסאָרים אַלטע, און האָבן דאַן
געשמועסט, וואָס איז גוט פֿאַר אונזער לאַנד.
כ'האָב אויפֿמערקזאַם געהערט די קלוגע רייד,
וואָס ס'דענקט דער חכם, און דער גוטער — ווינטשט,
און שטיל אין האַרצן האָב איך עס פֿאַרבאָרגן.
טאָ הער און לייג נאָר אַכט אויף מיינע רייד.
ווייל וואָס דיך דריקט, האָב איך שוין לאַנג געוואוסט.
ס'איז בייז דער לאַנדפֿאָגט, ר'וואָלט דיר גערן שאָדן,
ווייל דו ביסט אים אַ שטער דערמיט, וואָס ס'וויל
דער שווייצער זיך דעם נייעם פֿירשטנהויז
ניט אונטערוואַרפֿן, נאָר געטריי און פֿעסט
פֿאַרבלייבן צו דעם רייך, ווי ס'זיינען אים
די אורעלטערן שטענדיק טריי געבליבן.
ניט ריכטיק, ווערנער, — זאָג, אויב ניט אַזוי?

שטאַופאַכער:

צװי. דערפאַר איז געסלער בײז אויף מיר.

גערטרוד:

ר'איז דיר מקנא, װײל דיר לעבט זיך גליקלעך —
אַ פרײער מענטש אויף אײגענער ירושה —
און ער האָט נאָרנישט. פון קײזער זעלבסט
האָסטו דײן הויז אין פאַכט. דו ביסט אין אים,
פונקט װי עס איז דער פירשט אין זײנע לענדער.
דען דו קענסט איבער זיך קײן אַנדער האַר נישט,
אַחוץ דעם העכסטן אין דער קריסטנװעלט.
ער איז דער יינגסטער זון אין זײן משפחה,
און האָט מער גאָר נישט חוץ זײן ריטערמאַנטל.
ער קוקט דערום אויף לײטנס ערלעך גליק
מיט בײזע אויגן פון אַ ניט-פאַרגינער.
דיר האָט ער לאַנג געשװאָרן אומגליק ברענגען.
דו ביסט נאָך גאַנץ דערװײל. צי װילסטו װאַרטן,
ביז אויספירן װעט ער זײן בײזן װילן?
אַ קלוגער היט זיך...

שטאַופאַכער:

װאָס זשע זאָל איך טאָן?

גערטרוד

בײט צו נעענטער:

טאָ הער מײן ראַט. דו װײסט דאָך שוין, װי דאָ
אין שװיץ באַקלאָגן אַלע ערלעכע
זיך אויף דעם לאַנדפאָגטס גײציקײט און רשעות.
טאָ זיכער זײ, אַז סײ אין אונטערװאַלד
און סײ אין אורנער לאַנד איז מען שוין אויך מיד
פון לײדן דרוק און טראָגן שװערן יאָך.
װי געסלער דאָ, אַזױ פונקט לאַנדענבערג
באַגײט זיך פרעך אויף יענער זײט פון טײך.
עס קומען אָן צו אונז מיט יעדן שיפל
ידיעות װעגן די אכזריותן

וואָס די רשעים פּאָגטן טוען אָפּ.
וואָלט גוט זיין, ס׳זאָלן אייערע אַ פּאָר
זיך שטיל צוזאַמענקומען אויף אַ ראַט,
ווי זאָל מען פּטור ווערן פון דעם דרוק.
כ׳בין זיכער, אַז ס׳וועט נאָך אייך ניט פאַרלאָזן,
אין דער גערעכטער זאַך באַהילפיק זיין. —
דו האָסט אַ פריינד אין אורי, וואָס פאַר אים
וואָלסטו דיין האַרץ געקענט אַנטפּלעקן אָפן?

שטאַופּאַכער:

איך קען דאָרט לייט אַ פולע מוטיקע,
און פּריצים גרויסע אָנגעזעענע,
וואָס זיי פאַרטרויען קאָן איך מיך גאַנץ זיכער.

ער שטייט אויף.

פרוי! סאַר אַ שטורעם שרעקלעכע געדאַנקען
דו וועקסט אין מיר! וואָס טיף אין מיר פאַרבאָרגן,
האָסטו עס פאַר דער שיין פון טאָג געשטעלט,
און וואָס כ׳האָב מורא פאַר זיך שטיל צו טראַכטן,
האָסטו עס מוטיק אויף דער צונג געבראַכט.
דו האָסט זיך גוט באַרעכנט, וואָס דו ראַטסט מיר?
מחלוקות ווילדע און אַ קלאַנג פון וואָפן
אויף אונזער טאָל דעם הימלעך־שטילן רופסטו.
ווי וואַגן מיר, שוואַך פאָלק פון פּאַסטעכער
צו קעמפן קעגן הערשער פון אַ וועלט?
ס׳וואָלט בלויז אַן אויסרייד זיין פאַר אונזער פיינט
אויף אונזער אָרעם לאַנד אַרויסצושיקן
די האָרדעס זייער די צעווילדעוועטע
צו באַלעבאַטעווען דאָ ווי באַזיגער
און, כלומרשט אַלס גערעכטיקע באַשטראָפונג,
די פרייהייטן די אַלטע אונז באַרויבן.

גערטרוד:

איר זייט דאָך מאַנסביל, קאָנט איר מיט דער האַק
באַגיין זיך, און דעם מוטיקן העלפט גאָט.

שטאָופּאַכער:

אָ, פּרוי! אַ גרויל אַ בייזער איז מלחמה.
זי טויט די טשערעדע און אויך דעם פּאַסטעך.

גערטרוד:

מ׳דאַרף אָננעמען פאַר גוט, וואָס גאָט שיקט צו.
אַן איידל האַרץ פאַרטראָגט קיין אומרעכט ניט.

שטאָופּאַכער:

עס פרייט דיך אונזער נייע הויז אַזוי,
דער קריג דער שרעקלעכער וועט עס פאַרברענען.

גערטרוד:

ווען כ׳וואָלט אַזוי צום הויז זיין צוגעבונדן,
וואָלט איך אַליין עס ליבער אונטערצינדן.

שטאָופּאַכער:

דו גלויבסט אין מענטשלעכקייט. עס שוינט דער קריג
אויך ניט דאָס צאַרטע עופעלע אין וויג.

גערטרוד:

ס׳וועט אומשולדיקע גאָט פון הימל שיצן.
פאָראויס קוק, ווערנער, און ניט אויף צוריק.

שטאָופּאַכער:

אין שלאַכט ווי העלדן קאָנען מאַנסביל שטאַרבן.
דו זאָג מיר אָבער, וואָס וועט זיין מיט אייך?

גערטרוד:

דער לעצטער וועג איז אויך פאַר שוואַכע אָפן —
איין שפרונג, פון אָט־דעם בריק, און איך בין פריי.

שטאָופּאַכער

וואַרפט זיך צו אירע פיס:

ווער צו זיין ברוסט אַ האַרץ אַזאַ קאָן דריקן,
דער קאָן שוין פאַר זיין הויז מיט פריידן קעמפן,
און קיין שום קיניגס חייל שרעקט אים ניט —

קיין א ו ר י פאַר איך, ווי איך שטיי און גיי,
דאָרט וואוינט מיין גוטער פריינט הער וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט.
ווי איך פונקט טראַכט ער וועגן אונזער צייט.
כ׳וועל דאָרט געפינען אויך דעם באַנהאַר איידעלן
פון אַ ט י נ ג ה ו י ז, — הגם פון הויכן יחום,
דאָך ליבט ער ס׳פאָלק און אַכט די אַלטע זיטן.
מיט ביידע די באַראַט איך מיך געהיים,
ווי קאָן מען ס׳לאַנד פון פיינט באַפרייען.
זיי געזונט. כל־זמן איך בין ניטאָ, פיר דו
מיט חכמה און מיט גוטסקייט אונזער הויז.
דעם פילגער, וועלכער גייט צו דינען גאָט,
און דעם מאָנאַך, וואָס זאַמלט פאַר זיין קלויסטער,
נדבות שיינע גיב פון ברייטער האַנט.
שטאַופאַכערס הויז באַהאַלט זיך ניט. עס שטייט
ביים ברייטן שליאַך, איז דאָך און היים
פאַר אַלע וואַנדערער, וואָס גייען דורך.

בשעת זיי גייען אָפ אין הינטערגרונט, קומען אַרויס ווילהעלם טעל און בוימגאַרטען אויף דער סצענע.

ט ע ל

צו בוימגאַרטענען:

איר גייט אַריין אין יענעם הויז, שטאַופאַכער
וואוינט דאָרט. ער איז אַ פאָטער צו באַדריקטע.
שאַ! אָט איז ער אַליין. נאָך מיר גייט. קומט.

גייען צו אים. די סצענע ענדערט זיך.

דריטע סצענע

עפנטלעכער פּלאַץ לעבן אַלטאַרף.

אויף אַ בערגל אין הינטערגרונט זעט מען בויען אַ פעסטונג. די אַרבעט איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז מען קאָן שוין דערקענען די פאַר-מעס פון דעם גאַנצן בנין. די הינטערשטע זייט איז פאַרטיק, אַרום דער פאָדערשטער אַרבעט מען נאָך, און די בעל-מלאכות גייען איבער זיי אַרויף און אַראָפּ. אויף דעם העכסטן דאַך הענגט דער דאַכדעקער. אַלץ איז אין באַוועגונג און אַרבעט.

דער אויפזעער איבער דער אַרבעט, מוליער-מייסטער, פּועלים און מענטשן צום האַנט.

א ו י פ ז ע ע ר

מיט אַ שטעקן, טרייבט אונטער די אַרבעטער:

מאַרודעט ניט. טוט לעבעדיק. דערלאַנגט
די שטיינער, קאַלך, דעם צעמענט טראָגט צו שנעל.
ווען קומען וועט דער לאַנדפּאָגט, זאָל דער בנין
זיין אויסגעוואַקסן. ס׳שלעפּט זיך ווי פון פּעך.

צו צוויי טרעגערס.

דאָס הייסט געטראָגן? תיכּף טאָפּלט נעמען!
ווי די גנבים אייער פליכט באַשטוילט איר.

1 פּ ו ע ל:

דאָס איז דאָך שרעקלעך, מיר אַליין די שטיינער
צו אונזער צוואַנג און תּפיסה זאָלן טראָגן.

א ו י פ ז ע ע ר:

וואָס ברומט איר דאָרט? דאָס איז אַ שלעכטע אומה,
וואָס טויג צו גאָרנישט, אויסער פּי צו מעלקן
און פויל אַרומצוקריכן אויף די בערג.

ז ק ן

רוט אָפּ:

איך קאָן ניט מער.

א ו י פ ז ע ע ר

טרייסלט אים:

מאַרש, אַלטער, צו דער אַרבעט!

1 פּ ו ע ל:

איר האָט דען גאָר קיין האַרץ ניט, וואָס איר טרייבט
אויף שווערער פּאַנשטשיזנע דעם זקן, וואָס
שלעפּט קוים זיך אויף די פיס?

מייסטער און פועלים:

ס׳איז הימל־שרייענד!

אויפזעער:

זאָרגט איר זיך פאַר זיך. איך טו, וואָס איך דאַרף.

2 פועל:

פאָגט! ווי וועט רופן זיך די פעסטונג, וואָס
מיר בויען דאָ?

אויפזעער:

צווינג־אורי וועט זי הייסן,
ווייל אונטער דעם־אָ יאָך וועט מען אייך בויגן.

פועלים:

צווינג־אורי!

אויפזעער:

יאָ, וואָס איז דען דאָ צו לאַכן?

2 פועל:

מיט דער־אָ הייזקע ווילט איר אורי צווינגען?

1 פועל:

זעט, וויפיל דאַרף מען אויפאַנאַנדערלייגן
אַזעלכע מוילוואָרפבערגלעך, ביז אַ באַרג
וועט ווערן, ווי דער קלענסטער באַרג פון אורי!

דער אויפזעער איבער דער אַרבעט גייט אַוועק אין הינטערגרונד.

מייסטער:

איך וואָלט אין טייך פאַרשליידערן מיין האַמער,
וואָס ט׳מיר געדינט ביי דעם פאַרפלוכטן בנין!

טעל און שטאַופאַכער קומען.

שטאַופאַכער:

כ׳וואָלט בעסער ניט געלעבט, ווי דאָס צו זען.

טעל:

ניט גוט צו זיין דאָ, לאָמיר ווייטער גיין.

שטאָפּאַכער:

בין איך אין אורי, אין דעם לאַנד פון פרייהייט?

טייסטער:

אָ, הער, ווען איר וואָלט זען די קעלערס דאָ
אונטער די טורעמס! יאָ, ווער דאָרט וועט וואוינען,
דער וועט דעם האָן שוין מער ניט הערן קרייען.

שטאָפּאַכער:

אָ, גאָט!

מייסטער:

זעט די־אָ ווינקלען, און די אָנלען־זיילן,
זיי שטייען, ווי פאַר אייביקייט געבויט.

טעל:

וואָס הענט געבויט, דאָס קענען הענט צעשטערן.

ווייזנדיק אויף די בערג.

דאָס הויז פון פרייהייט האָט אונדז גאָט גרונטפעסטיקט.

עס הערט זיך אַ פּויק, ס׳קומען מענטשן, וואָס טראָגן אַ הוט אויף אַ שטאַנג. אַן אויסרופער גייט נאָך זיי, ווייבער און קינדער לויפן זיי נאָך מיט געפילדער.

1 פּועל:

צו וואָס דאָס פּויקן? קוקט זיך איין!

מייסטער:

וואָס פאַר
אַ שפּיל? און וואָס באַטייטן זאָל דער הוט?

אויסרופער:

הערט אויס, אין קייזערס נאָמען!

פּועלים:

שטילער! הערט!

אויסרופער:

איר זעט אָט־דעם־אָ הוט, איר, לייט פון אורי!

מ'וועט אויפהענגען אים אויף אַ הויכן וייל
אינמיטן אַלטאַרף אויף דעם העכסטן אָרט.
און דאָס איז אונדזער לאַנדסאָנטס וואונטש און מיינונג:
מען זאָל דעם הוט, ווי אים זעלבסט, כבוד אָנטאָן.
מען זאָל אים מיט געקניטע פיס און מיט
אַנטבלויזטן קאָפּ פאַרערן. ס'וויל דורך דעם
דער קיניג די געהאָרכזאַמקייט אויספּרווון.
און שולדיק איז מיט לייב און האָב דעם קיניג
ווער ס'וועט דעמדאָזיקן געבאָט פאַראַכטן.

דער עולם לאַכט זיך הויך פונאַנדער. די פויק רירט זיך און גייט אַוועק.

1 פ ו ע ל:

אָט נייסן אומגעהערטע האָט דער פאָגט
זיך אויסגעטראַכט! מען זאָל אַ הוט פאַרערן!
זאָגט, ווער האָט דען אַזוינס אַמאָל געהערט?

מ י י ס ט ע ר:

מיר זאָלן זיך נאָר בוקן פאַר אַ הוט!
וואָס איז עס פאַר אַן אָפּלאַכן פון מענטשן?

1 פ ו ע ל:

ווען ס'וואָלט נאָך זיין די קייזערלעכע קרוין!
איז אָבער דאָס דער הוט פון עסטרייך גאָר.
כ'האָב איבער טראָן אים הענגענדיק געזען,
דאָרט וואו מען גיט אַרויס די לען.

י י ס ט ע ר:

דער הוט פון עסטרייך! דאָס איז דאָך אַ נעץ,
כדי צו עסטרייכס טראָן אונדז צו פאַרקויפן.

פ ו ע ל י ם:

ס'וועט קיינער אַזאַ שאַנד ניט וועלן ליידן!

מ י י ס ט ע ר:

קומט, לאָמיר זיך מיט אַנדערע באַראַטן.

זיי גייען אַוועק אין דער טיף פון דער סצענע.

טעל

(צו שטאופאַכערן:)

איר האָט שוין דעם באַשייד. לעבט וואויל, הער ווערנער.

שטאופאַכער:

וואָס איילט איר זיך, פאַרבלייבט נאָך דאָ אַ ביסל.

טעל:

מיין הויז בלייבט אָן אַ פאָטער. זייט געזונט.

שטאופאַכער:

כ'וואָלט וועלן אויסריידן פאַר אייך דאָס האַרץ.

טעל:

פון ווערטער ווערט דאָס שווערע האַרץ ניט לייכטער.

שטאופאַכער:

עס קענען ווערטער אונז צו מעשים פירן.

טעל:

די בעסטע זאַך איז איצט געדולד און שווייגן.

שטאופאַכער:

זאָל מען פאַרליידן וואָס איז אומדערטרעגלעך?

טעל:

ס'איז קורץ פון שטרענגע הערצער די ממשלה.
ווען ס'גייט אַרויס דער ווירבל פון זיין תהום,
פאַרלעשט מען ס'פייער, און די שיפן שטרעבן
צום האַפן גיכער. און דער שטאַרקער גייסט
גייט דורך אָן שאָדן שפּורלאָז איבער דר'ערד.
זאָל יעדער לעבן שטיל ביי זיך אין שטוב.
מען לאָזט דעם פרידלעכן אין פרידן גערן.

שטאופאַכער:

איר מיינט?

טעל:

די שלאַנג פאַרגיפט ניט אומגערייצט.

זיי וועלן סוף־כּל־סוף אַליין מיד ווערן
ווען אונדזערע לענדער וועלן רויִק בלייבן.

שטאַופּאַכער:

מ׳וואָלט פיל געקאָנט, ווען מיר זיינען צוזאַמען.

טעל:

ביים שיפבראָך העלפט דער איינצלנער זיך לייכטער.

שטאַופּאַכער:

פאַרלאָזט איר קאַלט אַזוי די זאַך פון כּלל?

טעל:

אַ מענטש קאָן האָפן נאָר אויף זיך אַליין.

שטאַופּאַכער:

צוזאַמען זיינען אויך די שוואַכע מעכטיק.

טעל:

דער שטאַרקער איז צוממעכטיקסטן אַ ל י י ן.

שטאַופּאַכער:

ס׳הייסט, קאָן דאָס פאָטערלאַנד אויף אייך ניט האָפן,
ווען ס׳וועט אין יאוש מוזן נעמען דאָס געווער...

טעל

גיט אים די האַנט:

טעל ראַטעוועט אַ שאָף אַרויס פון אָפּגרונט —
זאָל ער פאַרלאָזן זיינע פריינד אין נויט?
נאָר וואָס איר זאָלט ניט טאָן, טוט אָן מיין ראַט,
איך קאָן ניט לאַנג ניט טראַכטן און ניט ווילן,
נאָר ווען איר דאַרפט מיך צו באַשטימטער טאַט,
דאַן טעלן רופט, כ׳וועל צווישן אייך ניט פעלן.

זיי גייען אַוועק אין פאַרשיידענע זייטן. פּלוצלונג הייבט זיך אָן אַ געלאַף אַרום דער רישטאַוואַניע.

מייסטער

איילנדיק אַהין:

וואָס איז?

פּוֹעל 1
באַווייזט זיך, שרייט:
דער דאַכדעקער פֿון דאַך געפֿאַלן.

בערטאַ פֿאַלט אַריין. אַן עולם.

בערטאַ:
ער איז צעהרגעט? גיכער, לויפֿט־ושע, העלפֿט!
אויב הילף איז מעגלעך — ראַטעוועט! נעמט גאָלד!
וואַרפֿט איר צירונג אין עולם.

מייסטער:
וואָס טויג אונז אייער גאָלד — אַלץ קויפֿט איר אָפּ
פֿאַר גאָלד. ווען איר האָט פֿאָטערס פֿון די קינדער
אַוועקגענומען, מאַנען פֿון די ווייבער
און צרות אויף דער וועלט געבראַכט אַ פֿולע —
זיך אויסקויפֿן מיינט איר מיט גאָלד — אַוועק!
ס'אונז גוט געווען, איידער איר זייט געקומען,
מיט אייך איז די פֿאַרצווייפֿלונג אָנגעקומען.

בערטאַ
צום אויפֿזעער, וועלכער איז צוריקגעקומען:
ער לעבט? דער אויפֿזעער מאַכט אַ צייכן אויף ניט.
אָ, אומגליקלעכער שלאָס, מיט פֿלוך
געבויט, און פֿלוך וועט הויערן אין דיר.

פערטע סצענע

וואַלטער פירשטס וואוינונג.

וואַלטער פירשט אין אַרנאָלד מעלכטאַל קומען גלייכצייטיק אָן פון פאַרשיידענע זייטן.

מ ע ל כ ט אַ ל:
הער וואַלטער פּירשט!

פּ י ר ש ט:
ווען עמעץ קומט אָן פלוצלונג!
בלייבט וואו איר זייט, עס איז דאָ פול מיט שפּיאָנען.

מ ע ל כ ט אַ ל:
איר ברענגט מיר גאָרנישט ניט פון אונטערוואַלדען
און פון מיין פאָטער? כ'קאָן שוין ניט פאַרטראָגן.
וואָס בין איך פאַר אַ זינד אַזאַ באַגאַנגען,
וואָס איך זאָל ווי אַ מערדער מיך פאַרבאָרגן?
כ'האָב דעם מנוול וואָס האָט מיר די אָקסן,
די וואונדערלעכע פּאָר, פאַר מיינע אויגן
געוואָלט פאַרנעמען אויף דעם פאָגטס באַפעל, —
אַ פינגער נאָר צעבראָכן מיטן שטעקן.

פּ י ר ש ט:
איר זייט צו־היים. ער איז געווען דעם פאָגטס,
פון אייער האַר צו אייך געשיקט געווען.
איר האָט געהאַט אַ שולד, האָט איר געמוזט
שטיל אָננעמען די שטראָף, ווי שווער זי איז.

מ ע ל כ ט אַ ל:
ווי האָב איך דען געקאָנט פאַרשוויינן זיינע
רייד! „אויב עס וויל דער פּויער עסן ברויט,
זאָל ער אַליין דעם אַקער זיינעם ציען".
דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט, ווען ס'האָט דער חצוף
מיר אויסגעשפּאַנט פון פלוג די שיינע אָקסן.

גערעוועט האָבן זיי, גלייך ווי געפּילט
די עוולה, און געשטוים, מיט די הערנער.
דאָ אויסער זיך פון כּעס געוואָרן בין איך,
ניט אויסגעהאַלטן און דעם יונג געשלאָגן.

פּירשט:

אַך, קוים וואָס אַלטע קאָנען זיך באַצווינגען,
די הייסע יוגנט ווי זאָל זיך באַצוימען?

מעלכטאַל:

מיך אַרט נאָר פאַר דעם פאָטער, ער באַדאַרף
אַזוי השגחה, און זיין זון איז ווייט.
דער פאָגט איז אויף אים בייז, ווייל ער האָט תמיד
פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט געשטריטן.
איצט וועלן זיי דעם אַלטן מאַן דאָרט דריקן,
און ס׳וועט ניט זיין, ווער ס׳זאָל פון בייז אים שיצן.
זאָל זיין וואָס ס׳וויל מיט מיר, איך מוז אַהין גיין.

פּירשט:

וואַרט אויס און האָט געדולד נאָר, ביז עס וועלן
ידיעות אָנקומען פון אונטערוואַלדען.
איך הער, מען קלאַפּט... גייט — אפשר אַ שליח
פון פאָגט — באַהאַלט זיך דאָרט — איר זייט אין אורי
ניט זיכער פאַר דער האַנט פון לאַנדעסבערג,
ווייל די טיראַנען זיינען דאָך יד־אַחת.

מעלכטאַל:

זיי לערנען אונז, וואָס זאָלן מיר טאָן.

פּירשט:

גייט.
איך וועל אייך רופן, אויב ס׳איז קיין סכּנה.
מעלכטאַל גייט אַרויס.
דער אומגליקלעכער! כ׳קאָן אים ניט דערציילן,
ווי אומרויִק איך בין פאַר אים... ווער קלאַפּט׳ס?

ווי ס'מוט די טיר אַסקריפּ, ערוואַרט איך אומגליק.
פּאַראַט און פאַלשקייט לויערט אומעטום.
ביז אין די הייזער אינעווייניק דרינגט אַריין
די רישעות, ס'וועט דערגיין דערצו באַלד, אַז
מ'וועט דאַרפן שלאָס און ריגלען צו די טירן.

ער עפנט אָפּ און כאַכט אַ שריט אויף צוריק. ווערנער שטאַופאַכער קומט אַריין.

וואָס זע איך? איר, הער ווערנער! כ'שווער ביי גאָט!
אַן אָנגעלייגטער גאַסט! קיין בעסערער
האָט איבער שוועל מיינעם נאָך ניט געטראָטן.
טאָ זייט אַ גוטער גאַסט אונטער מיין דאַך.
וואָס ט'אייך געבראַכט? וואָס זוכט איר דאָ אין אורי?

שטאַופאַכער

דערלאַנגט אים די האַנט:

די אַלטע צייטן און די אַלטע שווייץ.

פירשט:

איר האָט עס מיטגעבראַכט. ווי גוט מיר איז!
עס ווערט מיר פרייליך קוקנדיק אויף אייך.
זעצט זיך, הער ווערנער. זאָגט, וואָס מאַכט גוטס
פרוי גערטרוד, אייער אָנגענעמע ווירטין,
דעם קלוגן איבערם הויך פאַרשטאַנדיקע טאָכטער?
די וואַנדערער, וואָס וואַנדערן פון דייטשן לאַנד,
וואָס פאָרן איבער מיינראַדס צעל קיין וועלשנלאַנד,
רימט יעדער אייער גאַסטלעך הויז. נאָר זאָגט,
איר קומט אָן גלייך פון פליעלען אַהער —
האָט איר שוין עפּעס נייעס דאָ געזען,
איידער איר זייט מיין שוועל אַריבער?

שטאַופאַכער

זעצט זיך:

יאָ. ס'בויט זיך דאָ אַ מאָדנער נייער בנין...
איך האָב געזען, ער פרייט מיך אָבער ניט.

פירשט:

נו, האָט איר אַלץ שוין מיט איין בליק געזען...

שטאָפּאַכער:

אַזוינס איז נאָך אין אורי ניט געשען.
ס'איז קיינמאָל דאָ קיין תּפיסה ניט געווען,
און צוגעמאַכט — קיין וואוינונג, חוץ דעם קבר.

פירשט:

דער קבר פון דער פרייהייט איז עס, ריכטיק.

שטאָפּאַכער:

העד וואַלטער פירשט, איך וויל פון אײַך ניט לייקענען —
ניט נייגעריקייט בלויז האָט מיך געבראַכט,
מיך דריקן שווערע זאָרגן. צרות האָב איך
אין שטוב געלאָזט, און דאָ געפין איך צרות.
ס'איז אומדערטרעגלעך, וואָס מיר ליידן איבער.
און צו די צרות זעט זיך ניט קיין סוף.
פון אייביק אָן איז פריי געווען דער שווייצער
און צוגעוווינט, מען זאָל אים גוט באַגעגנ'נען.
אַזוינס איז קיינמאָל נאָך אין לאַנד געווען,
זינט ווען אַ פּאַסטעך פיטערט אין די בערג.

פירשט:

יאָ, ס'האָט קיין גלייכן, וואָס זיי טוען אָפּ!
אויך אונזער אייד'לער האַר פון אַטינגהויזען,
וואָס האָט די אַלטע צייטן נאָך געזען,
מיינט, אַז מען קאָן שוין מער ניט ליידן.

שטאָפּאַכער:

אויך דאָרט אין אונטערוואַלדען גייט ניט בעסער,
פון יעדן ערלעך האַרצן גיסט זיך בלוט...

פירשט

אויפמערקזאַם:

וואָס איז געשען?

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:
אין מעלכטאַל לעבן קערן
וואוינט איינער דאָרט אַ מענטש אַן ערלעכער,
וואָס הייסט ביים נאָמען היינריך פון דער האַלדען.
אין דער געמיינדע האָט זיין שטים געגאָלטן.

פ י ר ש ט:
ווער קען אים ניט! וואָס איז מיט אים, רעדט ווייטער.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:
האָט לאַנדענבערגער שטרענג באַשטראָפט זיין זון
צוליב אַ קליינער שולד און האָט פון פלוג
די בעסטע אָקסן־פּאָר אים אויסגעשפּאַנט.
נו, האָט דער יונג דעם קנעכט דאַן אָנגעשלאָגן,
און איז אַנטלאָפן, ערגעץ זיך באַהאַלטן...

פ י ר ש ט
שטאַרק צערודערט:
דער פאָטער אָבער, זאָגט, וואָס איז מיט אים?

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:
באַפוילן לאַנדענבערגער האָט דעם פאָטער,
ער זאָל דעם זון אים תיכף צושטעלן.
און ווען דער אַלטער האָט געשוואָרן אמת,
אַז גאָרנישט ווייס ער ניט פון דעם בורח,
האָט גלייך דער פאָגט די קנעכט געהייסן קומען — —

פ י ר ש ט
שפּרינגט אויף און וויל אים אָפּפירן אַן אַ זייט:
אָ, רעדט ניט מער!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר
העכערנדיק די שטים:
„איז מיר דיין זון אַנטלאָפן,
טאָ האָב איך דיך" — געלאָזט אויף דר'ערד אים וואַרפן
און דורכגעבויערט אים מיט שטאָל די אויגן.

פירשט:

אָ, גאָט.

מעלכטאַל

רייסט זיך אַריין:

די אויגן אויסגעשטאָכן, זאָגט איר?

שטאַופאַכער

פאַרוואונדערט, צו וואַלטער פירשטן:

ווער איז דער יונגערמאַן?

מעלכטאַל:

די אויגן? רעדט!

פירשט:

אָ, אומגליקלעכער מענטש!

שטאַופאַכער:

ווער איז עס, זאָגט?

ווען וואַלטער פירשט גיט אים אַ וואונק.

דער זון איז עס? גערעכטער גאָט!

מעלכטאַל:

און איך

מוז זיין פונווייטן! — זיינע ביידע אויגן?

פירשט:

באַהערשט אייך און פאַרטראָגט עס, ווי אַ מאַן.

מעלכטאַל:

און אַלץ פאַר מיין פאַרברעכן, איך בין שולדיק...

הייסט'ס בלינד.ווירקלעך ב ל י נ ד, און ג אַ נ ץ געבלענדט.

שטאַופאַכער:

אַזוי. דער קוואַל פון זען איז אויסגעטריקנט.

ער וועט די זונשיין קיינמאָל מער ניט זען.

פירשט:

אָ, שוינט זיין ווייטאָג!

מ ע ל כ ט אַ ל:

קיינמאָל, קיינמאָל מער!

ער פֿאַרמאַכט די אויגן מיט די הענט און שווייגט אַ ווײַלע; נאָכדעם ווענדט ער זיך פֿון איינעם צו דעם אַנדערן און רעדט מיט אַ ווייכער, פֿון טרערן פֿאַרשטיקטער שטים.

אַ טייערע מתּנה פֿונם הימל איז
די שיין פֿון אויג. פֿון שיין לעבט יעדעס וועזן
און יעדע גליקלעכע באַשעפֿעניש.
די פֿלאַנץ קערט אויך זיך פֿריידיק צו דער שיין.
און ער מוז זיצן שטענדיק אין דער נאַכט,
אין שטענדיק-חושך — אים דערקוויקט ניט מער
די גרינקייט פֿון די לאָנקעס און דער בלומענגלאַנץ,
די רויטע שנייען קאָן ער מער ניט זען —
וואָס איז דען שטאַרבן! לעבן און ניט זען —
אָט דאָס איז אומגליק! ניט קוקט אַזוי אויף מיר
רחמנותדיק! איך האָב צוויי פֿרישע אויגן,
און קאָן דעם בלינדן פֿאָטער איינס ניט געבן,
אַפֿילו ניט קיין איינציק בליאַסק פֿון ליכט-ים,
וואָס קריכט מיר גלענצנדיק בלענדיק און די אויגן.

ש ט אַ ו פֿ אַ כ ע ר:

אַך, כ'מוז פֿאַרגרעסערן נאָך אייער טרויער,
אָנשטאָט צו לינדערן. דאָס איז נאָך קנאַפּ!
דער לאַנדפֿאָגט האָט אים אַלץ אַוועקגערויבט
און גאָרנישט ניט געלאָזן חוץ דעם שטעקן,
כּדי נאַקעט, בלינד פֿון שטוב צו שטוב צו וואַנדלען.

מ ע ל כ ט אַ ל:

דעם שטעקן בלויז דעם זקן אָן די אויגן!
אַלץ אָפּגערויבט, און אויך די זונענשיין,
דאָס גוטס פֿון אָרעמסטן — — איצט זאָל מיר קיינער
ניט ריידן מער פֿון בלייבן, זיך באַהאַלטן!
וואָס פֿאַר אַ פּחדן אין בין דאָס געווען!
געטראַכט פֿון זיכערקייט פֿאַר זיך אַליין

און ניט פאַר דיר, און דיין געליבטן קאָפּ
אַ משכון אין דעם רשעס הענט געלאָזן.
אַוועק פּחדנות! כ׳וויל פון גאָרנישט איצט
ניט טראַכטן אויסער בלוטיקע נקמה.
אַהיים איצט וויל איך — ניט פאַרהאַלט מיך —
דעם פּאָטערס אויגן פאָדערן פון לאַנדפּאָגט.
איך וועל אים צווישן אַלע זיינע לייט
אַרויס־געפינען. כ׳דאַרף אין לעבן מער נישט,
ווי נאָר מיין הייסן גרעניצלאָזן פּיין
אין זיינע בלוטן קילן. ער וויל גיין;

פּירשט:

בלייבט! קענט איר דען
אַנטקעגן פּאָגט וואָס טאָן? ער זיצט אין **סאַרנען**
אין הויכן הערשערשלאָס און לאַכט פון אייער
אָנמעכטיקן צאָרן אין זיין שטאַרקער פעסטונג.

מעלכטאַל:

און זאָל ער וואוינען אויף דעם אייז־פּאַלאַץ
פון **שרעקהאָרן**, צי העכער, וואו די **יונגפרוי**
פון אייביק אָן פאַרשלייערט זיצט, — כ׳וועל קריגן
אַ וועג צו אים. מיט צוואַנציק יונגע לייט,
געשטימט ווי איך, צעשמעטער איך זיין פעסטונג.
און איינער אויב איך בלייב, און אויב איר אַלע,
אויס מורא פאַר די הייזער און די סטאַדעס
וועט טראָגן דעם טיראַנען־יאָך — די פּאַסטעכער
וועל איך צוזאַמענרופן אין די בערג, —
דאָרט אונטער פרייען הימלדאַך, וואו ס׳איז
נאָך פריש דער מוח און דאָס האַרץ געזונט, —
די מעשים תּעתּועים אויסדערציילן.

שטאַופּאַכער
צו וואַלטער פירסט:

עס איז שוין פול די מאָס, צי זאָלן מיר
דען וואַרטן ביז נאָך ערגערס? — —

מ ע ל כ ט אַ ל:

וואָס זשע ערגערס
קאָן אונז נאָך שרעקן, ווען די שיין פֿון אויג
איז אין איר איינפֿאַסונג שוין מער ניט זיכער.
מיר זיינען אָן געוועוער דען? און צו וואָס
פֿון בוינן שיסן האָבן מיר געאיבט זיך,
די שווערע שטרייטהאַק וואַרפֿן? יעדע בריאה
האָט איר געוועער צו שיצן זיך אין נויטפֿאַל.
עס שטעלט זיך דער דערשעפטער הירש און ווייזט
דער סטאַדע הינט די הערנער שרעקלעכע,
די סאַרנע שלעפּט דעם יעגער אינם אָפּגרונד,
דער אַקער־אָקס אַפֿילו, אָט דער מענטשנחבר,
וואָס האָט די אומגעהייערע קראַפֿט פֿון האַלז
געדולדיק אונטער אונזער יאָך געבויגן,
שפּרינגט אויף צערייצט און שלייפֿט זיין שאַרפֿן האָרן
און וואַרפֿט זיין שונא אונטער ביז צום וואָלקן.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

ווען די דריי לענדער טראַכטן, ווי מיר דריי —
וואָלט אפשר עפּעס מעגלעך זיין צו טאָן.

ש ט אַ ו פֿ אַ כ ע ר:

ווען אורי רופֿט, און אונטערוואַלדען העלפֿט —
וועט דאַן אויך שוויץ דעם אַלטן בונד געדענקען.

מ ע ל כ ט אַ ל:

איך האָב אַ פֿולע פֿרייַנד אין אונטערוואַלדען,
און יעדער וועט מיט פֿרייד זיין לעבן שענקען,
ווען ער וועט אין דעם צווייטן האָבן הילף
און שוץ. — אָ, גוטע פֿאָטערס פֿון דעם לאַנד!
איך שטיי דאָ נאָר אַ יינגל צווישן אייך,
איר פֿיל־געניטע לייט! מיין שטימע מוז
באַשיידן שווייגן אין דעם ראַט פֿון זקנים.
פֿאַראַכט אָבער מיין ראַט און מיינע רייד ניט,

דערפאַר וואָס איך בין יונג און קנאַפּ געניט.
ניט ס'הייסע יוגנטלעכע בלוט, — מיך טרייבט
די קראַפט די שמערצלעכע פון טיפסטן פיין,
וואָס מוז אַ האַרטן שטיין אַפילו רירן.
איר זעלבסט זייט פאָטערס, עלטסטע פון משפחות
און ווינטשט זיך אויך אַ גוטן זון צו האָבן,
די האָר פון אייער קאָפּ צו האַלטן הייליק,
און אייך די שיין באַוואַכן פון די אויגן.
אָ, ווייל אַליין האָט איר מיט אייער לייב
און גוטס נאָך ניט געליטן, אייערע אויגן
באַוועגן זיך נאָך פריש און זעען העל, —
זאָל אונזער נויט דערפאַר ניט זיין אייך פרעמד.
אויך איבער אייך הענגט דאָס טיראַנענשווערד,
איר האָט דאָס לאַנד פון עסטרייך אָפּגעווענדט —
און דאָס איז אויך געווען מיין פאָטערס שולד —
איר זייט אין גלייכער שולדיקייט פאַרמשפּט.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר

צו וואַלטער פירשט:

באַשליסט אייך. איך בין גרייט אייך פאָלגן.

וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

מיר וועלן הערן, וואָס די הויכע הערן
פון סיל'נען און אַטינגהויזען ראַטן —
איך מיין, ס'וועט זייער נאָמען פריינט אונז שאַפן.

מ ע ל כ ט אַ ל:

וואָס פאַר אַ נאָמען אין די וואַלדבערג איז
געאַכפּערטער אַלס אייערער און אייערער?
אַזעלכע נעמען שעצט און גלויבט דאָס פאָלק.
זיי האָבן גוטן אָפּקלאַנג אינם לאַנד.
איר האָט געירשנט מידות טובות פיל
פון עלטערן און זיי אַליין פאַרמערט; —
וואָס דאַרף מען דאָ די הערן אַדל-לייט?

מיר וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן.
ווען מיר זיינען אַליין אין לאַנד! איך מיין,
מיר וואָלטן זיך אַליין שוין קאָנען שיצן.

שטאַופּאַכער:
דעם אַדל טרייבט ניט גלייכע נויט מיט אונז;
דער שטראָם, וואָס שטורעמט אין די נידערונגען,
האָט נאָך ביז איצט די הייכן ניט דערגרייכט.
דאָך זייער הילף וועט אונז ניט אָפּגיין,
ווען זיי וועלן דאָס לאַנד דערזען באַוואָפנט.

וואַלטער פירשט:
וואָלט זיין אַ שופט צווישן אונז מיט עסטרייך —
וואָלט צווישן אונז געזעץ און רעכט אַנטשיידן;
נאָר אונזער דריקער איז דאָך אונזער קייזער
און העכסטער ריכטער, מוז שוין גאָט אונז העלפן
דורך אונזער האַנט. נעמט איר די איינוואוינער
פון שוויץ, און איך וועל שאַפן פריינט אין אורי.
נאָר וועמען שיקן מיר קיין אונטערוואַלדען?

מעלכטאַל:
שיקט מיך אַהין, איך בין דער פּאַסיקסטער.

פירשט:
כ'דערלאָז עס ניט. איר זייט מיין גאַסט. איך מוז
פאַר אייער זיכערהייט זען זאָרגן.

מעלכטאַל:
לאָזט מיך!
איך קען די שטעגלעך און די פעלזנטרעפּ,
כ'האָב אויך פיל פריינט, וואָס וועלן מיך פון פיינט
באַהאַלטן און אַן אָפּדאַך גערן געבן.

שטאַופּאַכער:
זאָל גאָט אים העלפן, זאָל ער גיין, ניטאָ דאָרט
קיין בוגדים. ס'איז די טיראַניי אַזוי

פאַראַכט, אַז זי האָט קיינע אָנהענגער ניט.
אויך דער אַלצעלער זאָל אונז אונטערוואַלד
ווערבירן פריינט און בונטעווען דאָס לאַנד.

מ ע ל כ ט אַ ל:

זוי גיט מען זיכער איבער נאַכריכטן,
ניט וועקנדיק קיין חשד ביי די טיראַנען?

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

מיר קאָנען זיך לעם ב ר ו נ ע ן אָדער ט ר י י ב
פאַרזאַמלען, וואו די סוחרים־שיפן שטייען.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

מען דאַרף ניט אַזוי אָפן טאָן די זאַך.
הערט אויס: דאָרט לינקס ביים אָזערע, ווען מ׳פאָרט
קיין ברונען, קעגנאיבער מ י ט ג ע נ ש ט י י ן,
פאַרבאָרגן ליגט אַ לאָנקע אינעם וואַלד,
וואָס ר י ט ל י הייסט זי ביי די פאַסטעכער,
ווייל אויסגעוואָרצלט איז דאָרטן דער וואַלד.
דאָס איז, וואו אונזער לאַנדגרעניץ מיט אַייערן

ווענדט זיך צו מעלכטאַלן

צוזאַמענקומען. און אַהין שווימט איר

ווענדט זיך צו שטאַופאַכערן

אויך אין אַ שיפל איבער שנעל פון שוויץ.
דורך שטילע שטעגלעך קאָנען מיר אַהין
צונויפגיין זיך ביינאַכט און שטיל זיך ראַטן.
אַהין קאָן יעדער ברענגען צען מאַן
חברים, וואָס מען קאָן זיך זיי פאַרטרויען,
און אונזער זאַך געמיינזאַם קאָן מען דאָרט
אַרומריידן און מיט גאָטס הילף באַשליסן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

אין רעכט. איצט גיט מיר אייער ערלעכי האַנט,
אויך איר גיט זיך די הענט. און גלייך ווי מיר

דריי מענער איצטער צווישן זיך די הענט
צוזאַמענפלעכטן ערלעך אויפריכטיק,
אַזוי דריי לענדער זאָלן אויך צו שוץ
און קאַמף פאַראייניקט זיין אויף טויט און לעבן!

וואַלטער פירשט און מעלכטאַל:
אויף טויט און לעבן!

זיי האַלטן זיך די הענט נאָך עטלעכע מינוט צוזאַמענגעפלאָכטן און שווייגן.

מעלכטאַל:
בלינדער אַלטער פאָטער!
דו קענסט דעם טאָג פון פרייהייט שוין ניט זען,
זאָלסטו אים הערן, ווען פון אַלפ צו אַלפ
וועט זיך דער פייערצייכן פלאַמיק הייבן,
די פעסטע שלעסער פון טיראַנען — פאַלן,—
ס'וועט צו דיין הויז דער שווייצער קומען שאַלן,
און צו דיין אויער גוטע בשורות טראָגן,
און העל וועט אין דיין פינסטערניש דיר טאָגן!

זיי גייען זיך פונאַנדער.

צווייטער אַקט

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

דער פריצישער הויף פון באַראָן אַטינגהויזען.
אַ גאָטישער זאַל, באַפּוצט מיט הערב-שילדן און מיט קיווערס. דער באַ ר אָ ן — אַ זקן פון פינפאונאַכציק יאָר, פון איידעלן הויכן וואוקס, אין האַנט האַלט ער אַ שטעקן מיט אַ הענטל פון אַ סאַרנע-האָרן, אָנגעטאָן אין אַ פעלצענעם קאַפטן. ק ו נ י און נאָך ז ע ק ס ק נ ע כ ט שטייען אַרום אים מיט הראַבליעס און מיט קאַסעס אין די הענט: א ו ל ר י ך פ אָ ן ר ו ד ע נ ץ קומט אַריין אין ריטער-רישער קליידונג.

ד ו ר ע נ ק:

דאָ בין איך, פעטער. וואָס איז אייער ווילן?

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

ערלויבט מיר פריער לויט דעם אַלטן מנהג
מיט מיינע לייט דעם מאָרגן-טרונק צו טיילן.

ער טרינקט פון אַ בעכער, וואָס גייט נאָכדעם אַריבער צו די קנעכט לויט דער ריי.

אַמאָל פלעג איך אַליין מיט זיי אין פעלד זיין,
און מיט מיין אויג די אַרבעט אָנפירן,
פונקט ווי געפירט האָט זיי אין שלאַכט מיין פאָן.
איצט קאָן איך גאָרנישט מער, ווי זיין אַ סאַרווער.
און קומט די וואַר'מע זון אַליין צו מיר ניט —
קאָן איך ניט זוכן גיין זי אויף די בערג.
און אַט אַזוי אין ענגערן אַלץ קרייז
באַוועג איך מיך צום ענגסטן און צום לעצטן,
וואו יעדעס לעבן ביסלעכווייז גייט אויס.
מיין שאָטן בין איך איצט, באַלד — נאָר מיין נאָמען...

ק ו נ י

צו רודענצן מיט דעם בעכער:

פאַר אייך איז'ס, יונקער.

ווען רודענץ איילט זיך ניט צו נעמען.

טרינקט, ניט זאָגט זיך אָפּ!
ווי פון איין בעכער, אַזוי פון איין האַרצן.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

איצט, קינדער, גייט, און נאָך דער אַרבעט וועלן
מיר ריידן פון די לאַנד-עסקים.

די קנעכט גייען אַוועק.

אַטינגהויזען און רודענץ.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

איך זע, דו ביסט אַזאַ פאַרפוצטער היינט,
דו גייסט קיין אַ ל ט אָ ר ף אין דעם הערשער־שלאָס?

ר ו ד ע נ ץ:

יאָ, פעטער, און איך קאָן מיך ניט פאַרהאַלטן.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן
זעצט זיך:

אַזוי איז׳ס איילִיק? וואָס? עס איז דיין יוגנט
קנאַפ צייט אַזוי געגעבן, אַז דו מוזט
זי אָפשפאָרן פון אַלטן פעטער דיינעם?

ר ו ד ע נ ץ:

איך זע דאָך, אַז איר דאַרפט מיך גאָר ניט האָבן,
איך בין אַ פרעמדער גאָר אין אַייער הויז.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן
פאַרשט אים לאַנג מיט די אויגן:

יאָ, ליידער ביסטו דאָס, עס איז די היימאַט
אַ פרעמדע דיר געוואָרן. אולי, אולי!
כ׳דערקען דיך שוין ניט מער, דו גלאַנצסט אין זיידנס,
די פאַווע־פעדער שטעלסטו אויס מיט שטאָלץ.
פאַרוואַרפסט דעם פורפורמאַנטל איבער אַקסל
און אויף דעם פויער קוקסטו מיט פאַראַכטונג,
דו שעמסט זיך מיט זיין פריינטלעכער באַגריסונג.

ר ו ד ע נ ץ:

דעם כבוד, וואָס אים קומט, גיב איך אים גערן,
כ׳פאַרמייד פון אים נאָר ס׳רעכט, וואָס ער אַליין נעמט.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

דאָס גאַנצע לאַנד ליגט אונטער שווערן צאָרן
פון קיניג. יעדע תמימותדיקע האַרץ
איז טרויער פול צוליב דער טיראַניי,

וואָס מיר פאַרליידן — דיך נאָר איינעם רירט
די אַלגעמיינע צרה ניט. מען זעט דיך
פון אייגענע אָפּטריניק, אויף דער זייט
פון שונא פון דעם לאַנד. דו שפּאַסט נאָר אָפּ
פון אונזער נויט. דו לויפסט נאָך לייכטע פריידן
און נושא חן זיין זוכסטו ביי דעם פירשט,
ווען ס'טריפט מיט בלוט דיין היימאַט אונטער בייטש.

רודענק:
דאָס לאַנד איז שווער באַדריקט — פאַרוואָס מיין פעטער?
ווער האָט עס דען אין שווערער נויט געוואָרפן?
ס'וואָלט בלויז איין פשוט וואָרט גענוג געווען,
כדי אויגנבליקלעך פריי צו ווערן פון דעם דרוק
און דעם גענאַד פון קייזער צו געווינען.
נאָר ווי אַייך, ווער ס'פאַרמאַכט דעם פאָלק די אויגן,
אַז ניין זאָל עס אַנטקעגן זיכער גליק.
פון איין נוצן ווענן שטערן זיי
די וואַלדלענדער צו עסטרייך שווערן,
ווי ס'האָבן אַלע לענדער דאָך געטאָן.
ס'געפעלט זיי אויף איין באַנק אין דער פאַרזאַמלונג
צו זיצן מיט דעם פריץ — פאַר אַ האַר
וויל מען דעם קייזער, כדי ניט האָבן קיין האַר.

אַטינגהויזען:
מוז איך דאָס הערן און פון דיין מויל נאָך!

רודענץ:
איר האָט דאָך אָנגעהויבן, לאָזט מיר ריידן.
וואָס פאַר אַ ראָלע, פעטער, שפּילט איר דאָ
אַליין? מער האָט איר ניט קיין גאווה, ווי
לאַנדצמאַן אָדער פאַנטרעגער צו זיין
און ביי די היגע פאַסטעכער אַ פירער?
וואָס? ס'איז אַפּנים ניט דער כבוד גרעסער
צו דינען טריי דעם קיניגלעכן האַר

און אָן זיין רייכן הויף זיך אָנצושליסן,
ווי ביי די אייגענע קנעכט צו זיין דער פער
און אין נעריכט צו זיצן מיט דעם פויער?

אַטינגהויזען:

אַך, אולי, אולי! איך דערקען דאָך זי,
די שטימע פון פאַרפירונג. זי איז דיר
אַריין אין אויער, און דיין האַרץ פאַרסמט.

רודענץ:

יאָ, כ'פאַרבאָרג עס ניט. אין האַרצן טיף
מוט ווייַ דאָס שפּאָטן פון דעם פרעמדן, וואָס
אונז רופט דער פויער-עדל. כ'קאָן ניט מער,
בשעת די אַדל-יוגנט פון אַרום
פאַרשאַפט זיך כבוד אונטער האַבסבורגס פאָנען,
אַרומצוגיין דאָ שטיל און פוסטע-פאַס
און אין געמיינער טאָג-אַרבעט פאַרלירן
דעם פרילינג פון מיין לעבן; אַנדערשוואו
געשעען מעשים, און אַ וועלט מיט רום
באַוועגט זיך גלענצנד הינטער אָט די בערג —
ביי מיר פאַרראָסטן העלם און שילד אין שטוב,
דער קריגס-טרומייט, מיט מוטיקן געהילך,
דעם העראָלדס רוף צום אָנטייל אין טורנירן —
זיי דרינגען ניט אַריין אין אונזערע טאָלן.
איך הער דאָ נאָר דעם מאָנאָטאָנעם קלאַנג
פון פאַסטעכס טרובע און פון גלאָק פון סטאַדע.

אַטינגהויזען:

פאַרבלענדטער און פון פוסטן גלאַנץ פאַרפירטער!
פאַראַכט דאָס לאַנד פון דיין געבורט, און שעם זיך
מיט דיינע עלטערנס אַלטע גוטע זיטן:
וועסט נאָך אַמאָל מיט הייסע טרערן זיך
פאַרבענקען צו די פאָטערלעכע בערג
און צו דעם ניגון פון דעם פאַסטעכס טרובע,

וואָס איצטער לאַכסטו פון אים ביין און שטאָלץ.
ער וועט מיט פיינלעך שטרעבן דיך פאַרכאַפּן,
ווען אָפּקלינגען דיר וועט ער אין דער פרעמד.
אָ, מעכטיק איז צום פאָטערלאַנד די גלוסטונג!
די פרעמדע פאַלשע וועלט איז ניט פאַר דיר.
דאָרט ביי דעם שטאָלצן קייזער=הויף בלייבסטו
זיך אייביק פרעמד מיט דיין געטרייען האַרצן.
די הויף=וועלט — פאָדערט מעלות אַנדערע,
ניט די, וואָס דו האָסט דאָ אין טאָל דערוואָרבן. — —
אַהין גיי און פאַרקויף דיין פרייע זעלע,
נעם לאַנד און לעען. ווער אַ פירשטן=קנעכט,
בשעת דו קאָנסט זיין פאַר זיך האַר און פירשט
אויף דיין ירושה=לאַנד און פרייען באָדן.
אַך, אולי, אולי! בלייב דאָ צווישן דיינע,
ניט גיי קיין אַלטאָרף! אָ, פאַרלאָז זי ניט,
די זאַך די הייליקע פון פאָטערלאַנד! — —
איך בין דער לעצטער פון מיין שטאַם. מיין נאָמען
שטאַרבט אָפּ מיט מיר. דאָ הענגען העלם און שילד.
מען וועט זיי מיר מיט זיך אין קבר געבן.
און זאָל איך טראַכטן ביי דעם לעצטן אָטעם,
אַז נאָר דו וואַרטסט, איך זאָל אַן אויג פאַרמאַכן,
כדי קענען זאָלסטו גיין אין קיניגס שלאָס
און מיינע גיטער, פון גאָטס האַנט גענומען, —
פון עסטרייכס הענט אַלס לעען צו באַקומען?

ר ו ד ע נ ק:

מיר שטעלן זיך אומזיסט אַנטקעגן קיניג.
די וועלט געהערט אים, — זאָלן מיר אַליין
זיך איינשטעלן און האַרט פאַרעקשנען,
די קייט פון לענדער אים אַדורכצוברעכן,
וואָס מעכטיק האָט ער אַרום אונז פאַרצויגן?
זיינע זיינען די יאַרידן, די געריכטן,
די האַנדלסוועגן און דער לאַסט=פערד זעלבסט,

וואָס גייט אויף נ אָ ט אַ ר ד, מוז אים שטייער צאָלן.
די נעק פון זיינע לענדער גאַרטלט אונז
און שליסט אונז איין אַרום פון אַלע זייטן.
וועט אונז דאָס רייך באַשיצן? קאָן עס זעלבסט
זיך שיצן קענן עסטרייכס וואַקסנדיקער קראַפט?
העלפט אונז ניט גאָט, וועט אונז קיין קייזער העלפן.
וואָס קאָן מען אויף קייסאָרימס ווערטער האָפן?
ווי באַלד נעדריקט אין געלט, צי פון דעם שונא, —
פאַרקויפן זיי די שטעט, וואָס אונטער אָדלער
שוץ האָבן זיי פאַר זיך אין נויט געזוכט.
ניין, פעטער, קלוגע פאָרזיכטיקייט איז עס,
אין אונזערע שווערע צייטן פון מחלוקת
זיך אָנצולענען אָן אַ פעסטן זייל.
די קייזער-קריין — זי גייט פון שטאַם צו שטאַם,
זי האָט פאַר טרייער דינסט ניט קיין זיכרון,
נאָר פאַר אַ שטאַרקן אַרב-פירשט צו פאַרדינען,
הייסט זריעה פאַר דער צוקונפט זייען.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:
ביסטו׳ס דער חכם?
ווילסט ווייטער זען, ווי דיינע איידעלע פאָטערס,
וואָס האָבן פאַר דעם טייערן פרייהייטס-דימענט
מיט גוט און בלוט און העלדנקראַפט געשטריטן?
דו שיף זיך קיין לוצערן דורך און דאָ ר ט פרעג,
ווי שווער עס איז דער יאָך פון עסטרייכס הערשאַפט.
זיי וועלן קומען שאָף און רינדער אונז
צו ציילן, און די אַלפן אויסצומעסטן,
דעם פאַנג פון שיינעם ווילדפרעט צו פאַרבאָטן
אין אונזערע פרייע וועלדער, זייער שלאָנבוים
ביי אונזירע בריקן, טויערן צו שטעלן,
פאַר אונזער דלות — לענדער איינצוהאַנדלען,
פאַר אונזער בלוט — זיך קריגס-נצחנות קויפן... — —
ניין, אויב שוין יאָ פאַרגיסן אונזער בלוט —

איז נאָר פ אַ ר ז יך. די פרייהייט וועט אונז קאָסטן
אַ פולע ביליקער ווי אונזער קנעכטשאַפט.

ר ו ד ע נ ק:

וואָס זיינען מיר, אַ פאָלק פון פאַסטעכער,
אַנטקעגן אַלברעכטס שטאַרקע מחנות!

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

דערקען=זשע, יינגל, אָט דאָס פאַסטעך=פאָלק.
איך קען עס, כ'האָב עס אָנגעפירט אין שלאַכטן,
און האָב זיי בײ פאַווענץ געזען אין שלאַכט.
זאָל קומען ווער אַ יאָך אונז אויפצוצווינגען,
וואָס מיר זיינען אַנטשלאָסן נ י ט צו טראָגן!
דערפיל זשע דאָך, פון וועלכן שטאַם דו ביסט,
פאַרוואַרף ניט צוליב פוסטן פליטערגלאַנץ
די בעסטע פערל פון דיין אייג'נעם ווערט!
צו זיין דער מנהיג פון אַ פ ר י י ע ן פאָלק,
וואָס איבערגעבן איז דיר בלויז אויס ליבע,
און טריי שטייט לעבן דיר אין קאַמף און טויט —
ד ע ר מ י ט שטאָלציר, מיט ד ע ם אַדל באַרים דיך,
די קניפּ פון דיין געבורטשטאַם שטייף פאַרבינד,
אָן פאָטערלאַנד אָן ליבן שלים זיך אָן,
פאַר דאָס פעסט האַלט זיך מיטן גאַנצן האַרצן,
אָט=דאָ ליגט ער, דער וואָרצל פון דיין קראַפט.
דאָרט, אין דער פרעמדער וועלט, שטייסטו אַליין,
ווי אַ טשערעט, צעמורשט פון יעדן שטורעם.
אָ, קום! דו האָסט אונז לאַנג שוין ניט געזען.
מיט אונז פאַרבלייב דאָ נאָר איין טאָג, נאָר היינט,
ניט גיי קיין אַלטאָרף — הערסטו, בלויז ניט היינט!
און דעם איין טאָג נאָר שענק זיך אָפּ צו דיינע!

ער כאַפּט אים אָן בײ דער האַנט.

ר ו ד ע נ ק:
כ'בין געבונדן, איך האָב מיין וואָרט געגעבן —

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן
לאָזט אים אָפּ די האַנט; מיט ערנסט:

דו ביסט געבונדן — יאָ, אומגליקלעכער.
דו ביסט, נאָר ניט דורך וואָרט און ניט דורך שבועה, —
געבונדן ביסטו דורך דער נעץ פון ליבע.
רודענץ קערט זיך אָפּ.
פאַרבאָרג זיך ווי דו ווילסט. דאָס פרײַלין איז'ס
בערטאַ פאָן ברונעק, וועלכע ציט דיך צו
צום שלאָס און שמידט דיך צו צום קייזערס דינסט.
דאָס ריטער-מיידל ווילסטו זיך דערווערבן
דורך פעלשונג אין דיין פאָטערלאַנד. ניט נאָר זיך!
דיך צו פאַרנאַרן, ווייזט מען דיר אַ כלה,
נאָר ניט פאַר דיר, נאַיווער דו, איז זי באַשטימט.

ר ו ד ע נ ק:
גענוג שוין אָנגעהערט זיך. זייט געזונט.
ער גייט אַוועק.

אַ ט י נ ג ה ו י ז ע ן:
משוגע יינגל, בלייב! — — ער גייט אַוועק.
איך קאָן אים ניט פאַרהאַלטן און ניט רעטן —
אַזוי האָט וואָלפענשיסען אין זיין לאַנד
געפעלשט, אַזוי אויך נאָכטאָן וועלן אַנדערע.
דער פרעמדער צויבער רייסט די יוגנט מיט,
פאַרשפרייטנדיק זיך איבער אונזערע בערג.
אָ, אומגליקלעכע שעה, ווען ס'פרעמדע איז
געקומען אין די שטיל-באַגליקטע טאָלן,
די ריינע זיטן אונזערע צו שטערן.
דאָס נייע דרינגט אַריין מיט מאַכט, דאָס אַלטע
און ווערדיקע פאַרגייט. אַנדערע צייטן קומען,

עס לעבט אַן אַנדערש־דענקענדיקער דור.
וואָס טו איך דאָ? באַגראָבן זיינען אַלע,
מיט וועמען כ׳האָב געקעמפט, געלעבט.
עס ליגט היינט מיין צייט אין דער ערד שוין;
אַז וואויל צו דעם, וועד לעבן דאַרף ניט מיט דער נייער.
גייט אַוועק

צווייטע סצענע

אַ לאַנקע אַרומגערינגלט מיט הויכע פעלזן און מיט וואַלד. אויף די פעלזן זיינען פאַראַן טרעפּ מיט געלענדערס, אויך לייטערס, פון וועלכע מען זעט נאָכדעם אַראָפּנידערן די לאַנדסלייט. אין הינטערגרונט זעט זיך די אָזערע, איבער וועלכע עס איז אין אָנהייב צו באַמערקן אַ לבנה-רעגנבויגן. די פּערספּעקטיוו שליסן הויכע בערג, איבער וועלכע עס הייבן זיך נאָך העכערע אייזבערג. ס'איז אויף דער סצענע פינסטערע נאַכט, נאָר די אָזערע און די ווייסע גלעטשערס לייכטן אין דער לבנה-שיין.

מעלכטאַל, בוימגאַרטען, מייער פון סאַרנען, בורק-האַרט בערגל, אַרנאָלד סעוואַ, קלאַוס פליוע און נאָך פיר לאַנדלייט. אַלע באַוואָפנט.

מ ע ל כ ט אַ ל

נאָך הינטער דער סצענע:

אָט איז די באַרג־סטעזשקע, גייט דרייסט נאָך מיר.
דעם פעלז דערקען איך און אויף אים דעם צלם.
מיר זיינען שוין געקומען. דאָ איז ריטלי.

קומען אָן מיט שטורקאַצן.

ו י י נ ק ע ל ר י ד:

הער!

ס ע ו ו אַ:

פוסט.

מ י י ע ר:

קיין נפש נאָך ניטאָ. מיר זיינען
די ערשטע אויפן פלאַץ, מיר אונטערוואַלדנער.

מ ע ל כ ט אַ ל:

ווי שפּעט איז׳ס אין דער נאַכט?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן

דער נאַכטוועכטער
פון סעליסבערג האָט נאָר וואָס צוויי גערופן.

עס הערט זיך אַ קלינגען פון דער ווייטנס.

מ י י ע ר:

שטיל! הערט!

ב י ה ע ל:

דאָס תפילה־גלעקל אין דער וואַלד־קאַפּעלע
אַהער קלינגט העל אַריבער פון דער שוויץ.

פ ל ו י ע :

די לופט איז ריין, און ווייט פאַרטראָגט דעם קלאַנג.

מ ע ל כ ט אַ ל :

זאָל עמעץ גיין און צווייגן אָנצינדן,
ס'זאָל ליכטיק זיין, ווען די חברים קומען.

צוויי מענטשן גייען אַוועק נאָך צווייגן.

ס ע ו ו אַ :

אַ שיינע לבנה-נאַכט, די אָזערע
ליגט רויק, ווי אַ גלייכער גלאַטער שפּיגל.

ב י ה ע ל :

עס איז זיי לייכט צו שווימען איצט.

ו ו י נ ק ע ל ר י ד

ווייזט אויף דער אָזערע :

האַ! זעט!
אַהין קוקט! זעט איר גאָרנישט?

מ י י ע ר :

וואָס? יאָ, אמת!
אַ רעגנבויגן גאָר אינמיטן נאַכט.

מ ע ל כ ט אַ ל :

פון דער לבנה-שיין איז ער געוואָרן.

פ ל ו י ע :

דאָס איז אַ זעלטן-וואונדערלעך דערשיינונג.
פאַראַן פיל לייט, וואָס האָבנ'ס קיינמאָל ניט געזען.

ס ע ו ו אַ :

זעט! עטוואָס העכער נאָך איינער אַ בלאַסער.

ב ו י מ ג אַ ר ט ן :

אַ שיפל שווימט דאָרט אויפן וואַסער, קוקט!

מ ע ל כ ט אַ ל :

ס'איז שטאַופאַכער אַפנים מיט זיין שיפל.
דער בראַוער מאַן לאָזט לאַנג אויף זיך ניט וואַרטן.

גייט מיט בוימגאַרטנען צום ברעג.

מייער:

די אורנער שפעטיקן זיך מער פאַר אַלע.

ביהעל:

זיי מוזן ווייט אַרומגיין דורך די בערג,
כדי אויסמיידן די וועכטער פון דעם לאַנדפאָגט.

די צוויי, וואָס זיינען געווען אַוועק, האָבן דערווייל אויפן מיטן פלאַץ פונאַנדערגעלייגט אַ פייער.

מעלכטאַל

ביים ברעג:

ווער איז דאָרט? גיט אַן ענטפער!

שטאַופאַכער

פון אונטן:

פריינד פון לאַנד!

אַלע לאָזן זיך אַראָפּ באַגעגענען די אָנקומענדיקע. פון שיפל גייען אַרויס: שטאַופאַכער, איטעל רעדינג, האַנס מויער, יערג הויף, קאָנראַד הון, אולריך שמיד, יאָסט ווייַלער און נאָך דריי מענטשן, אַלע גלייך באַוואָפנט.

אַלע:

געגריסט זייט!

אין דער צייט ווען אַלע איבעריקע בלייבן אין דער טיף, גרימנדיק זיך, גייען מעלכטאַל און שטאַופאַכער אַרויס פאָרויס.

מעלכטאַל:

אָ, הער שטאַופאַכער, איך האָב
געזעען דעם, ווער מיך וועט שוין ניט זען מער.
די האַנט האָב איך געלייגט אויף זיינע אויגן
און היים נקמה־דאָרשט האָב איך געזויגן
פון דער פאַרלאָשענער זון פון זיינע בליקן.

שטאַופאַכער:

ניט נוקם זיין זיך פאַר געשעענס, ניין —
מיר גייען קענן שלעכטס, וואָס דראָט אונז איצט. —

זאָגט בעסער, וואָס האָט איר אין אינטערוואַלדען
געטאָן און וואָס געפּועלט פאַר דער כלל-זאַך?
וואָס טראַכט דער עולם דאָרט, און איר אַליין
ווי אויסגעמיידט האָט פון פאַרראַט די נעצן?

מ ע ל כ ט אַ ל:

אויף ווייט צעשפּרייטע וויסטע אייז-פעלדער
דורך די סירענער פירכטערלעכע בערג,
וואו ס'קרעכצט נאָר הייזעריק דער שאָף-גניער,
האָב איך דערגרייכט די אַלפּנפּאַשעס, וואו
פון אורי און פון ענגעלבורג די פאַסטעכער
געריסן זיך און פיטערן צוזאַמען.
דעם דאָרשט האָב איך געשטילט מיט גלעטשער-מילך,
וואָס אין די טאָלן שווימט און קוועלט אַראָפּ;
גענעכטיקט אין די פּוסטע פאַסטעך-ביידלעך,
אַליין זיך גאַסט אוןווירט, ביז צו אַ ישוב
פון מענטשן בין איך ענדלעך אָנגעקומען.
דער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט שוין אין די טאָלן
וועגן דער נייער שרעק, וואָס איז געשען,
און ערפורכט האָט מיין אומגליק מיר פאַרשאַפט
פאַר יעדער טיר, וואו איך האָב אָנגעקלאַפּט.
איך האָב די לייט פאַרביטערטע געפונען
פון דער אַכזריות פון די נייע הערשער;
פּונקט ווי די אַלפּן זייערע כסדר
די זעלבע גראָזן האָדעווען, די קוואַלן
איינאַרטיק פלייצן, אויך די וואָלקנס, ווינטן
אַפילו ענדערן ניט זייער ריכטונג, —
אַזוי אַריבער זיינען דאָ פון זיידן
צום אייניקל די זיטן ניט געענדערט.
זיי טראָגן ניט אַריבער קיינע נייסן
אין אַלט-געוויינטן גלייכן גאַנג פון לעבן, — — —
זיי האָבן מיר דערלאַנגט די האַרטע האַנט,
פון וואַנט גענומען די פאַרראָסטע שווערדן,

און פון די אויגן האָט געבליצט אַ פרייִדיק
געפיל פון מוט, ווען איך האָב אָנגערופן
די נעמען, וועלכע זײַנען הייליק אין די בערג, —
פון שטאָופּאַכער און וואַלטער פירשט. זיי האָבן
געשוואָרן צלך צו טאָן, וואָס איר וועט הייסן,
אײַך טריי צו פאָלגן ביז דעם לעצטן אָטעם.
און אונטער הייליק שוץ פון גאַסטרעכט האָב איך
אַזוי געאײַלט פון איין הויף צו דעם צווייטן,
ביז אין מײַן היימאַטלעכן טאָל געקומען,
וואו מײַנע קרובים זײַנען ברייט פאַרשפּרייט,
און האָב מײַן פאָטער דאָ געפונען, בלינד,
באַרויבט, אויף פרעמדן שטרוי, פון קצבה לעבט ער,
וואָס גוטע מענטשן גיבן אים אויס מיטלייד — —

שטאָופּאַכער:
האַר אין הימל!

מעלכטאַל:
כ'האָב ניט געוויינט און ניט אין שוואַכקייט־טרערן
די קראַפט פון פײַן פון הייסן אויסגעגאָסן.
כ'האָב טיף אין האַרצן, ווי אַ גרויסן אוצר,
פאַרשלאָסן אים, געטראַכט נאָר וועגן מעשים.
דורך אַלע קרימען אין די בערג געקראָכן,
ניטאָ קיין טאָל, וואָס איך זאָל אים ניט אויסזען!
ביז אײַזיקן צופוסן פון די גלעטשערס
האָב איך געגרייכט און אויפגעזוכט דאָרט מענטשן,
און אומעטום, וואוהין איך בין געקומען,
האָב איך געפונען האַס צו די טיראַנען.
דען עס דערגרייט די רישעות פון די פאָגטן
ביז סאַמע לעצטער גרעניץ פון באַלעבטע
באַשעפענישן, וואו די ערד איז פרוכטלאָז.
איך האָב דאָס האַרץ פון אָט דעם ערלעך פאָלק
צערוערט מיט מײַן וואָרט, וואָס פול מיט גיפט,
און אונז געהערן זיי מיט האַרץ און מויל.

ש ט אַ ו פּ אַ כ ע ר:

איר האָט פּאַר קורצער צייט באַוויזן פּיל.

מ ע ל כ ט אַ ל:

איך האָב נאָך מער געטאָן, די פעסטונגען
ראָ ז ב ע ר ג און ס אַ ר נ ע ן שרעקן אונזערע לאַנדסלייט,
ווייל הינטער זייערע פּעלזנוואַלן שיצט
דער פיינט זיך לייכט און טוט דעם לאַנד אָן שאָדן.
כ'האָב דאָס געוואָלט מיט מיינע אויגן זען,
און בין געווען דעם סאַרנער שלאָס אויסקוקן.

ש ט אַ ו פּ אַ כ ע ר:

געוואַגט זיך אין דעם טיגערס הייל צו גיין!

מ ע ל כ ט אַ ל:

איך בין געווען פאַרקליידט אין פּילגער־קליידער.
איך האָב דעם פאָגט געזען דאָרט ביי דער מאָלצייט —
זאָגט איר, צי קען איך זשע מיין האַרץ באַצווינגען? —
געזען דעם שונא — און אים ניט דערשלאָגן.

ש ט אַ ו פּ אַ כ ע ר:

באמת, אָפּגעגליקט האָט'ס אייער דרייסטקייט.
די איבעריקע לאַנדסלייט זיינען דערווייל צוגעגאַנגען נאָענט צו זיי ביידן.
דאָך זאָגט מיר איצט, ווער זיינען אָט־די פריינט,
און די גערעכטע לייט, וואָס אייך באַגלייטן.
באַקענט אונז, בכדי מיר זאָלן נאָענט ווערן
און צוטרוילעך די הערצער אָפּעפענען.

מ י י ע ר:

ווער קען אייך דען ניט, הער, אין די דריי לענדער?
איך בין פון סאַרנען — מייער, און אָט דער —
מיין שוועסטער־זון איז — סטרוט פון ווינקעלריד.

ש ט אַ ו פּ אַ כ ע ר:

באַקאַנטע זיינען מיר די אַלע געמען.

דערשלאָגן האָט איין ווינקעלריד דעם דראַקאָן
אין זומפּ לעם וויילער, און געפאַלן דאַן
אין שטרייט.

ווינקעלריד:

דאָס איז מיין אורפאָטער געוועזן.

מעלכטאַל

ווייזט אָן אויף אַנדערע צוויי לאַנדסלייט:

די וואוינען הינטער וואַלד אויף קלויסטער־ערד
פון ענגעלבורג. איר וועט זיי ניט פאַראַכטן
דערפאַר, וואָס אָפּהענגיקע זיינען זיי
און זיצן ניט, ווי מיר, פריי אויף דער ערד.
זיי ליבן ס׳לאַנד, און אַלע אַכטן זיי.

שטאַופאַכער

צו זיי ביידן:

די הענט גיט מיר. ס׳איז גליקלעך דער, וואָס איז
פון קיינעם מיט זיין לייב ניט אָפּהענגיק,
נאָר ערלעכקייט איז גוט אין יעדן שטאַנד.

קאָנראַד הון:

דאָס איז הער רעדינג. געוועזן ביי אונז לאַנדאַמאַן.

מייער:

איך קען אים גוט. ער איז מיין קעגנער,
וואָס משפּט זיך מיט מיר פאַר אַ ירושה. —
הער רעדינג! מיר זיינען שונאים פאַרן דין,
דאָ אָבער — אייניק.

דריקט אים די האַנט.

שטאַופאַכער:

דאָס איז גוט געזאָגט.

ווינקעלריד:

איר הערט — זיי קומען. הערט, ווי ס׳שאַלט דער האָרן.

רעכטס און לינקס זעט מען באַוואָפנטע מענטשן מיט שטורקאַצן גייען
פון די פעלזן.

זעט נאָר — עס קומט אַליין גאָטס פרומער דינער,
דער גלח ווערדיקער, אַרצ̇ף. ער קוקט ניט,
וואָס שווער דער וועג און אימהדיק די נאַכט, —
דער גוטער פּאַסטעך זאָרגט פאַר זיין געמיינדע.

בוימגאַרטען:
נאָך אים דער שמש. אויך הער וואַלטער פירשט.
נאָר טעלן זע איך אין דעם עולם ניט.

וואַלטער פירשט, רעסעלמאַן, דער גלח, פעטערמאַן, דער שמש, קוני, דער פּאַסטעך, ווערני, דער יעגער, רודי, דער פישער, און נאָך פינף לאַנדסלייט. אַלע צוזאַמען — דריי און דרייסיק מאַן גייען צו און שטעלן זיך אַרום דעם פייער.

וואַלטער פירש:
בכן איצט מוזן מיר אויף אייגענער
ירושה און אויף פאָטערלעכן באָדן
זיך גנבענען, באַהאַלטן ווי די מערדער,
און ביי דער נאַכט, וואָס שוואַרצן מאַנטל באָרגט
נאָר זינד און ב. ד. ה. וועלכע ציטערן
פאַר זונשיין, מוזן מיר נאָר אונזער רעכט
זיך נעמען, כאָטשי לויטער איז׳ס און קלאָר,
גלייך ווי דער גלאַנצפול ברייטער שוים פון טאָג.

מעלכטאַל:
אַלץ איינס. וואָס אויסגעשפּונען האָט די שוואַרצע נאַכט,
זאָל שיינען פריי און פריילעך פאַר דער זון אין פראַכט.

רעסעלמאַן:
הערט, סאַר אַ רעיון גאָט האָט מיר געגעבן:
מיר זיינען דאָ אָנשטאָט אַ לאַנד=פאַרזאַמלונג
און קאָנען גילטן פאַר אַ גאַנצע פאָלק.
מאָ לאָמיר זיך באַראַטן לויט דעם מנהג,
ווי טאָן עס פלעגן מיר אין פרידנס=צייטן.
וואָס אומגעזעצלעך איז אין דער פאַרזאַמלונג
זאָל אונז פאַרגעבן זיין צוליב דער צייט.

ס׳איז אומעטום דאָ נאָט, וואו ס׳הערשט נאָר יושר,
און אונטער הימל זיינעם שטייען מיר דאָך.

שטאָופּאַכער:
יאָ, לאָמיר „טאָנען" *) נאָך דעם אַלטן מנהג,
און כאָטשי נאַכט איז, לייכט דאָך אונזער רעכט.

מעלכטאַל:
און אויב די צאָל ניט פול — איז דאָ דאָס האַרץ
פון גאַנצן פאָלק, די בעסטע זיינען דאָ.

קאָנראַד הון:
זיינען די אַלטע ביכער דאָ ניטאָ —
אין אונזער הערצן זיינען זיי פאַרשריבן.

רעסעלמאַן:
נעוויס, טאָ זאָל מען מאַכן גלייך די ראָד
און אויפשטעלן די שווערדן פון דער מאַכט.

מויער:
זיין אָרט פאַרנעמען זאָל זשע דער לאַנדאַמאַן
מיט די געהילפן זיינע ביי דער זייט.

שמש:
דאָ, זיינען פעלקער דריי, און וואָסער זשע
אַן אָנפירער זאָל געבן דער פאַרזאַמלונג?

מייער:
זאָל שוויץ מיט אורי שטרייטן פאַר דעם כבוד,
מיר אונטערוואַלנדער שטייען פונדערווייטן.

מעלכטאַל:
מיר קענען ניט. מיר קומען הילף נאָר בעטן
צו אייך, צו אונזערע שטאַרקע פריינד.

שטאָופּאַכער:
טאָ זאָל זשע אורי נעמען ס׳שווערד. איר פאָנענטרעגער
גייט ביי די רוימער־צוגן דאָך פאָראויס.

*) אָפּהאַלטן אַן אַסיפה.

וואַלטער פירשט:
דער כבוד פון דעם שווערד געהערט צו שוויץ,
ווייל אַלע גרויסן מיר זיך מיט איר שטאַם.

רעסעלמאַן:
לאָזט מיר דעם איידעלן שטרייט אַנטשיידן פריינדלעך:
אין ראַט זאָל פירן שוויץ, אין שלאַכט־פעלד — אורי.

וואַלטער פירשט
דערלאַנגט שטאַופאַכערן די שווערדן:
נעמט!

שטאַופאַכער:
ניין, ווער עלטער, יענעם קומט דער כבוד.

הויף:
אין יאָרן עלטער איז אולריך דער שמיד.

מויער:
דער מענטש איז דרייסט, נאָר ניט פון פרייען שטאַנד.
אַ לייבקנעכט קאָן אין שוויץ ניט זיין קיין ריכטער.

שטאַופאַכער:
הער רעדינג איז לאַנדאַמאַן פון אַמאָל.
וואָס דאַרפן מיר אַ בעסערן פאַר אים?

וואַלטער פירשט:
זאָל ער זשע זיין דער שופט און דער מנהיג.
ווער מסכים איז, זאָל אויפהייבן די האַנט.

אַלע הייבן אויף די הענט.

רעדינג
טרעט אַרויס אויפן סימן:
איך קאָן מיין האַנט ניט לייגן אויף די ביכער,
דעריבער שווער איך ביי די אייביקע שטערן,
אַז איך וועל קיינמאָל דאָס געזעץ ניט ברעכן!

מען שטעלט פאַר אים אַוועק צוויי שווערדן. אַרום אים בילדעט זיך אַ ראָד. די לייט פון שוויץ שטעלן זיך אינדערמיטן. רעכטס — די אורי־לייט, און לינקס — די אונטערוואַלדנער. רעדינג שטייט אָנגעשפּאַרט אויף זיין שווערד.

וואָס האָט עס די דריי פעלקער פון די בערג
ביים אומהיימלעכן ברעג פון אָזערע
אום האַלבער נאַכט צוזאַמען דאָ געבראַכט?
וואָס זאָל דער אינהאַלט זיין פון נייעם בונד,
וואָס אונטער שטערנהימל מיר היינט שליסן?

שטאָופּאַכער

טרעט אַריין אין ראָד:

מיר שליסן ניט קיין נייעם בונד. דאָס איז
אַן אוראַלטע פאַרבינדונג פון אַמאָל,
וואָס מיר באַנייען איצט. טאָ ווייסט, חברים:
כאָטש בערג און וואַסערן צעשיידן אונז —
מיר זיינען אָבער פון איין שטאַם און בלוט,
און קומען אַלע פון איין היים אַרויס.

ווינקעלריד:

איז׳ס אמת, וואָס אין לידער ווערט געזונגען,
אַז פונדערווייטן זיינען מיר געקומען?
דערציילט אונז, וואָס איר ווייסט דערפון, כדי
דער נייער בונד זאָל שטאַרק זיין דורך דעם אַלטן.

שטאָופּאַכער:

הערט, וואָס די אַלטע פאַסטעכער דערציילן:
געווען אַמאָל אַ פאָלק אין צפון ווייט,
וואָס האָט געליטן פון אַ שווערן יקרות:
און דאַן באַשלאָסן האָט די פאָלקספאַרזאַמלונג,
אַז יעדער צענטער בירגער לויטן גורל,
זאָל ס׳פאָטערלאַנד פאַרלאָזן — אז׳ס געשען.
אַוועק אין טרויער זיינען מענער, ווייבער,
אַ גרויסע מחנה, צו די דרום־לענדער,
מיט שווערד דורך דייטשלאַנד דורכגעשלאָגן זיך

ביז צו דעם הויכלאַנד פֿון אַט־די־אָ וואַלדבערג,
און האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אין וועג,
ביז צוגעקומען אין דעם ווילדן טאָל,
וואו צווישן לאָנקעס פֿלייצט איצט די מיאַטאַ.
ס׳איז דאָ קיין שפּור פֿון מענטשן ניט געווען.
איין שטיב נאָר איז ביים ברעג געשטאַנען איינזאַם.
דאָ איז געזעסן און געוואַרט אַ שיפֿער.
נאָר שטאַרק געשטורעמט האָט די אָוורע,
און איבערשווימען זי ז׳געווען אוממעגלעך.
זיי האָבן נענט ר דאַן באַטראַכט דאָס לאַנד,
דערזען די גרויסע שפע פֿון דעם וואַלד
און גוטע ברענעמער געפֿונען פֿיל, —
און זיך דערפֿילט, ווי אין דער ליבער היים.
זיי האָבן דאַן באַשלאָסן דאָ צו בלייבן
און אויסגעבויט דעם אַלטן ישוב שוויץ.
זיי האָבן שווערע טעג געהאַט אַ ביסל,
דעם וואַלד געדיכטן אַלטן אויסצווואָרצלען.
דערנאָך, ווען ס׳האָט דער באָדן פֿאַר דעם פֿאָלק
שוין ניט געקלעקט מער, זיינען זיי אַריבער
צום שוואַרצן באַרג, כמעט ביז טאַמע ווייסלאַנד,
וואו הינטער אייביק־הויערדיקן שניי
ט׳אַן אַנדער פֿאָלק גערעדט אַן אַנדער שפּראַך.
זיי בויען דאַן דעם ישוב סטאַנץ ביי קערנוואַלד,
דעם ישוב אַלטאָרף אין דעם טאָל פֿון רייס.
נאָר זיי געדענקען שטענדיק זייער שטאַם.
פֿון אַלע פֿרעמדע פֿעלקער, וואָס זינט דעמאָלט
באַזעצט זיך האָבן צווישן זיי אין לאַנד,
דערקענען זיי די שוויצער אַלע מאָל:
עס גיט דאָס האַרץ, דאָס בלוט זיך צו דערקענען.
ציט אויס די האַנט אויף רעכטס און אויף לינקס.

פּויער:

יאָ, מיר זיינען מיט איין האַרץ און פֿון איין בלוט!

אַ ל ע
געבנדיק זיך די הענט:
מיר זיינען איין פאָלק און מיר בלייבן אייניק.

שטאַופאַכער:
די אַנדערע פעלקער טראָגן פרעמדן יאָך,
זיי האָבן זיך דעם זיגער אָפּגעגעבן.
עס לעבן דאָ אין אונזער לאַנד אַפילו
אַזעלכע קנעכט, וואָס טראָגן פרעמדע פליכטן,
און קינדער וועלן פון זיי קנעכטשאַפט אַרבן.
נאָר מיר, די אמתע, די אַלטע שווייצער,
מיר האָבן שטענדיק זיך פאַרזיכערט פרייהייט,
און בייגן ניט די קני פאַר קיינע פירשטן.
מיר ווילן פרייוויליק דעם שוץ פון קייזער.

רעסעלמאַן:
מיר ווילן פרייוויליק דעם קייזערס שוץ, —
אַזוי שטייט אין דעם קייזער פרידריכס בריף.

שטאַופאַכער:
ווייל אָן אַ האַר בלייבט אויך דער פרייסטער ניט.
אַן איבערהאַר מוז זיין, אַ העכסטער ריכטער,
וואו יושר זאָל מען קענען זוכן אין אַ קריג.
אָט האָבן אונזערע פאָטערס פאַר דעם באָדן,
וואָס אָפּגענומען ביי דער אַלטער ווילדקייט,
אַלס האַר באַשטימט דעם קייזער, וועלכער רופט זיך
דער האַר פון דייטשלאַנד און פון וועלשן־לאַנד,
און גלייך ווי אַלע פרייע פון זיין רייך
אים אָנגעגעבן זיך צו וואָפּנדינסט,
דען ס'איז דער גרויסער חוב פון אַלע פרייע
דאָס רייך צו שיצן, וואָס באַשירעמט זיי.

מעלכטאַל:
וואָס אָבער מער דערפאַר — איז דאָס שוין קנעכטשאַפט.

שמאופאַכער:

נעטראָגן האָבן זיי בשעת מלחמה
דעם קייזערס פאָן אין זיינע פיינט געשלאָגן;
נעגאַנגען אָנגעוואָפנטע קיין וועלשנלאַנד
די רוימער־קרוין אים אויפן קאָפּ צו לייגן.
און אינדערהיים פריי האָבן זיי אַליין געהערשט
לויט אייגענע געזעצן און מנהגים.
דער הויף־געריכט נאָר האָט געהערט צום קייזער,
דערצו האָט ער באַשטימט אַ גרויסן גראַף,
וואָס האָט געהאַט זיין אָרט ניט דאָ אין לאַנד.
אין פאַל פון בלוטשולד האָט מען אים גערופן,
און אונטער הימל אָפן, קלאָר און פּראָסט
האָט ער געמשפּט, און אָן פאָרכט פאַר מענטשן.
ווער קאָן דערווייזן, אַז מיר זיינען קנעכט?
אויב עמעץ אַנדערש ווייס, טאָ זאָל מען זאָגן.

הויף:

ניין, אַלץ איז ריכטיק, ווי איר האָט דערציילט,
מיר האָבן קיינמאָל ניט קיין גוואַלט פאַרטראָגן.

שטאַופאַכער:

מיר האָבן זעלבסט דעם קייזער ניט געפאָלגט,
ווען ער געהאַלטן האָט פאַר די גלחים,
ווייל ווען די קלויסטער־לייט האָבן געוואָלט
די אַלפּן אונזערע פאַרנעמען, וואָס
מיר פיטערן אויף זיי פון אייביק אָן, —
האָט אונז דער בישאָף אַלטע בריוו באַוויזן,
וואָס שענקען אים אַוועק די הפקר־וויסטע —
ווייל אַז דאָ וואוינען מיר, האָט מען פאַרהוילן —
דאַן האָבן מיר געענטפערט: פאַלשע בריוו!
קיין קייזער קאָן ניט שענקען, וואָס ס'איז אונזערס.
און איז דאָס רייך צו אונז אָן יושר, קענען
מיר אין די בערג באַגיין זיך אָן דעם רייך.

אַזוי נעזאָגט האָבן די ווײַדעס, זאָלן מיר
פֿאַרטראָגן חרפּות פֿון אַ נייעם יאָך
און ליידן פֿון אַ פֿרעמדן קנעכט אַזוינס,
צו וואָס קיין קייזער־מאַכט קאָן אונז ניט נייטן!?
מיר האָבן אונזער לאַנד אַליין געשאַפֿן
מיט אונזער האַנט און פֿליים; דעם אַלטן וואַלד,
וואו פֿריער האָט דער ווילדער בער געוואוינט,
פֿאַרוואַנדלט אין אַ ישוב פֿאַרן מענטשן;
דעם דראַקאָנס זרע, וואָס מיט גיפֿט פֿון זומפּ
איז אויפֿגעגאַנגען, האָבן מיר געטויט.
צעריסן האָבן מיר דעם נעפּל־פֿאָרהאַנג,
וואָס אייביק גראָ איז דאָ אַרום געהאַנגען,
דעם שוואַרצן שטיין — צעקלאַפּט, איבערן אָפּגרונט
פֿאַר וואַנדערער אַ זיכער־וועג געפּלאַסטערט.
אונזער איז דורך טויזנטיאָריקן באַזיץ
דער באָדן — און דער פֿרעמדער האַרן־קנעכט
זאָל קומען איצט און אונז אין קלעמען שמידן
און אָנטאָן פּיין אויף אונזער אייגן לאַנד?
איז קעגן אַזאַ דרוק קיין הילף ניטאָ?
אַ גרויסע באַוועגונג צווישן די לאַנדסלייט.
ניין, ס'האָט אַ גרעניק אויך טיראַנען־מאַכט!
ווען דער געדריקטער זעט זיין רעכט צעטראָטן,
ווען אומדערטרעגלעך ווערט די לאַסט פֿאַר אים, —
דאַן שטרעקט ער דרייסט די הענט זיינע צום הימל
און נעמט פֿון דאָרט די הייל'קע רעכט זיינע
וואָס הענגען אויבן אייביק אומבאַרויבלעך
און אומצעברעכלעך, ווי די שטערן זעלבסט —
דער אַלטער צושטאַנד פֿון נאַטור קומט ווידער,
ווען מענטש אַנטקעגן מענטשן שטייט אין קאַמף; —
אַלס לעצטער מיטל — אויב וואָס אַנדערש העלפֿט ניט —
איז אים די שווערד געגעבן. מיר מוזן
דאָס העכסטע איבער אַלדאָס גוטס באַשיצן

קענען געוואַלט, מיר שיצן אונזער לאַנד,
מיר שיצן אונזערע ווייבער, אונזערע קינדער!

אַלע

קלאַפּנדיק איבער די שווערדן:

מיר שיצן אונזערע ווייבער, אונזערע קינדער!

רעמעלמאַן

פּרעס אַריין אין ראַט:

ניט איילט אייך צו דעם שווערד, באַטראַכט אייך פריער.
איר קאָנט נאָך מיט דעם קייזער מושווה ווערן.
גענוג אַ וואָרט, אַז ס'זאָלן נעמען חנפען
אייך די טיראַנען, וועלכע איצט אייך דריקן.
טוט דאָס, וואָס אָפט האָט מען אייך אָנגעבאָטן,
און אָנערקענט די איבערמאַכט פון עסטרייך.

מייער:

וואָס רעדט ער דאָ! מען זאָל צו עסטרייך שווערן?

ביהעל:

וואָס הערט איר אים!

ווינקעלריד:

דאָס ראָט אונז אַ פאַררעטער,
אַ פיינט פון לאַנד!

רעדינג:

זייט רויקער, חברים!

סעוואַ:

געהערן נאָך אַזעלכע צרות עסטרייך!

פּליוע:

מיר זאָלן פון געוואַלט זיך לאָזן נייטן,
וואָס ניט געוואָלט מיט גוטן!

מייער:

דעמאָלט ווער
מיר שקלאַפן, און פאַרדינען עס צו זיין!

מ ו י ע ר:

זאָל יענער אויסגעמעקט זיין פֿון די שווייצער,
ווער ס'רעדט פֿון אונטערטעניקייט צו עסטרייך!
לאַנדאַמאַן, איך פֿאַרלאַנג, אַז דאָס זאָל זיין
דער ערשטער, וואָס מיר שאַפֿן דאָ, געזעץ!

מ ע ל כ ט אַ ל:

געוויס! ווער פֿון הכנעה רעדט צו עסטרייך,
זאָל רעכטלאָז זיין און אומגעערט פֿון לייטן,
קיין לאַנדסמאַן זאָל אים אין זיין שטוב ניט נעמען!

אַ ל ע

הייבן אויף די רעכטע האַנט:

מיר ווילן, דאָס זאָל ווערן אַ געזעץ!

ר ע ד י נ ג

נאָך אַ פּויזע:

ס'זאָל זיין!

ר ע ס ע ל מ אַ ן:

איצט זייט איר פֿריי! איר זייט'ס דורך דעם געזעץ.
ס'וועט עסטרייך אייך מיט גוואַלד ניט קענען נייטן
דערצו, וואָס ניט דערגרייכט האָט עס מיט גוטן.

יאָסט ווייילער:

צום טאָג-אָרדענונג ווייטער!

ר ע ד י נ ג:

הערט, חברים!
צי האָט מען אַלע מילדע מיטלען שוין געפּרוווט?
דער קיניג ווייס אפשר ניט, ווי מיר ליידן,
און אַלץ ווערט אָפּגעטאָן נאָר אָן זיין ווילן?
מיר זאָלן אויך אָ-דאָס נאָך אויספּרובירן,
און פֿריער ברענגען אונזער קלאָג פֿאַר אים,
בעפֿאָר מען נעמט זיך פֿאַר דעם שווערד? ס'איז שרעקלעך
אויך ביי גערעכטע זאַכן די געוואַלט.
גאָט העלפֿט נאָר דאַן, ווען מענטשן העלפֿן שוין ניט.

שטאופאכער
צו קאָנראַד הון:
זאָגט איר איצט, וואָס איר קענט דערציילן. רעדט!

קאָנראַד הון:
געווען אין רייַנפעלד, אין דעם קייזערס שלאָס,
זיך אויף די פאָגטס שווערן דרוק צו קלאָגן.
דערביי אויך צו דערלאַנגען אים די בריוו
פון אונזער אַלטער פרייהייט צו באַנייען,
ווי תמיד פלעגט עס יעדער נייער קיניג.
געפונען האָב איך שלוחים פון פיל שטעט דאָרט,
פון שוואַבן־לאַנד און פון דעם ריין־געביט.
זיי אַלע האָבן זייערע בריוו באַקומען
און פריידיק זיך אַהיים געקערט.
מיך, אייער שליח, האָט מען געשיקט צום ראַט
און אָפּגעפּטרט מיך מיט פוסטער טרייסט:
„דער קיניג האָט קיין צייט ניט היינט,
ער וועט זיך שוין אַמאָל אָן אייך דערמאָנען". —
און ווי איך גיי פאַרטרויערט דורך די זאַלן
פון קיניגס שלאָס, ערשט כ'זע דער הערצאָג האַנזען
אין אַלקער שטייט און וויינט, און אַרום אים
פאָן־וואַרט און טעגערפעלד די איידעלע הערן.
זיי רופן מיך און זאָגן: „העלפט אַליין אייך!
פון קיניג וואַרט ניט קיין גערעכטיקייט.
באַרויבט ער דען זיין אייגן ברודערס קינד ניט,
וואָס זיין ירושה נעמט ער אים ניט אָפּ?
דער הערצאָג בעט אים וועגן זיין ירושה —
ער האָט שוין זיינע יאָרן פול, ער מעג
אַליין רעגירן איבער זיינע נחלות.
דער סוף דערפון? — דער קייזער האָט אַ קראַנץ
אים אָנגעטאָן: זאָל דאָס די יוגנט צירן"...

מויער:
איר האָט געהערט! רעכט און גערעכטיקייט
ניט וואַרט פון קייזער! העלפט אייך איר אַליין!

רעדינג:

אונז בלייבט מער נאָרנישט אוים. טאָ גיט אַן עצה,
ווי זאָל מען עס מיט גליק ביז סוף דערפירן?

וואַלטער פירשט

פרעט אַריין אין ראַד:

פאַרטרייבן וועלן מיר פאַרדאָסטן צוואַנג.
די אַלטע רעכט, וואָס מיר האָבן געאַרבט
פון אונזערע פאָטערס, וועלן מיר באַוואַכן.
ניט שטרעבן וועלן מיר צו נייע רעכט.
דעם קייזער בלייבן זאָל, וואָס אים געהערט.
ווער ס'האָט אַ האַר, זאָל ערלעך דינען אים.

מויער:

איך האַלט אַ הויף פון עסטרייך אין דער לעען.

וואַלטער פירשט:

דערפילט איר ווייטער אייער חוב צו עסטרייך.

יאָסט ווײַלער:

כ'צאָל שטייערן די הערשאַפטן פון ראַפּערסווייל.

וואַלטער פירשט:

זאָלט איר זיי ווייטער צאָלן צינז און שטייער.

רעסעלמאַן:

דער גרויסער פרוי פון ציורך האָב איך געשוואָרן.

וואַלטער פירשט:

דעם קלויסטער גיט אָפּ, וואָס דעם קלויסטער קומט.

שטאַופאַכער:

איך האָב ניט קיינע פליכטן חוץ דעם רייכס.

וואַלטער פירשט:

וואָס מוז זיין, דאָס וועט זיין. אָבער ניט מער.
די פאָגטן וועלן מיר מיט זייערע קנעכט
פאַריאָגן, און די פעסטע שלעסער ברעכן,
דאָך — אויב נאָר מעגלעך איז — אָן בלוט. דער קייזער

וועט זען, אַז נאָר די נויט האָט אונז נעטריבן
די ערפורכט אונזערע צו אים צו שטערן.
און זעט ער אונז אין אונזער גרעניק בלייבן,
וועט אפשר גובר זיין דעם כעס זיין חכמה.
געדעכטע אַכטונג וועקט צו זיך אַ פֿאָלק,
וואָס מיטן שווערד אין האַנט קאָן בלייבן מ ע ס י ק.

ד ע ד י נ ג:
איר זאָגט אונז אָבער, ווי דערגרייכן מיר עס?
דער שונא האַלט די וואָפן אין דער האַנט
און וועט געוויס ניט אָפּטרעטן מיט פרידן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:
ער וועט, ווען ער ט'אונז זען באַוואָפנט. מירן
אים איבערראַשן, איידער ער וועט גרייט זיין.

מ י י ע ר:
ס'איז לייכט צו ריידן, אָבער שווער צו טאָן.
עס שטייען אינם לאַנד צוויי פעסטע שלעסער,
וואָס גיבן שוץ דעם פיינט און זיינען פורכטבאַר,
ווען ס'וועט דער קיניג אינם לאַנד אַריין.
ראָסבערג און סאַרנען מוזן זיין באַצוואונגען,
בעפאָר מיר הייבן אויף אַ שווערד צום קאַמף.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:
און לייגט מען אָפּ — וועט זיך דער פיינט דערוויסן.
שוין צופיל מענטשן איז דער סוד באַוואוסט?

מ י י ע ר:
ניטאָ ביי אונז אין וואַלד-קאַנט קיין פאַררעטער.

ר ע ס ע ל מ אַ ן:
ס'קאָן אויך אַמאָל דער גוטער פליים פאַרראַטן.

װ אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:
און לייגט מען אָפּ, ווערט פאַרטיק באַלד דער טווינג *)
אין אַלטאָרף, און ס'באַפעסטיקט זיך דער פאָגט.

*) טווינג — די פעסטונג וואָס ווערט געבויט צו באַצווינגען.

מ י י ע ר:

איר טראַכט נאָר וועגן זיך.

ד ע ר ש מ ש:

און איר זייט ניט גערעכט!

מ י י ע ר

אָנגעצונדן:

מיר — ניט גערעכט! זאָל אורי אונז דאָס זאָגן!

ר ע ד י נ ג:

ביי אייער שבועה, רויק!

מ י י ע ר:

יאָ, וועט שוויגן

איז איינס מיט אורי, מוזן מיר שוין שווייגן.

ר ע ד י נ ג:

איך מוז אייך זאָגן פאַר דער לאַנדפאַרזאַמלונג,

אַז מיט דער הייליקייט שטערט איר דעם שלום.

מיר שטייען דען ניט אַלע פאַר איין זאַך?

ו ו י נ ק ע ל ר י ד:

אויב מ'לייגט עס אָפּ ביז צו דעם ווייִנאַכט־יום־טוב,

איז דאַן אַ מנהג, אַז דער עולם ברענגט

מתּנות צו דעם פאָגט אין שלאָס אַריין.

און דעמאָלט קענען אַ מאַן צען צי צוועלף

זיך אָן שום חשד פאַרזאַמלען אינם שלאָס,

און האָבן אייזנס שפּיציקע געהיים,

וואָס אָנטאָן קאָן מען זיי אויף שטעקנס שנעל,

ווייל קיינער קומט אין שלאָס ניט מיט קיין וואָפן.

אין וואַלד וועט אָפּוואַרטן דער גאַנצער עולם.

און ווען פון אינוויייניק וועט זיין פאַרכאַפּט

די טויער, וועט מען גלייך אין האָרן בלאָזן.

דאַן לויפן אַלע גלייך פון וואַלד אַרויס,

און אָן פיל מי איז אונזערער דער שלאָס.

מ ע ל כ ט אַ ל:

און איך אויף זיך נעם ראַסבערג צו באַצווינגען.
ווייל פריינטלעך איז אַ דינסט פון שלאָס צו מיר,
און כ'פועל ביי איר לייכט, צום נאַכט־באַזוך
זאָל זי אַ לייטער מיר אַראָפּלאָזן.
גיי איך אַרויף, און אַלע פריינט — נאָך מיר.

ר ע ד י נ ג:

צי זיינען אַלע מסכים אָפּצולייגן?

די מערהייט הייבט אויף די הענט.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר

ציילט די שטימען:

די מערהייט איז פון צוואַנציק קעגן צוועלף!

וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

און ווען די פעסטונגען זיינען באַצוואונגען,
גלייך גיבן מיר פון איין באַרג צו דעם צווייטן
אַ צייכן מיטן רויך. דער לאַנדשטורעם ווערט
פאַרזאַמלט שנעל פון יעדן קאַנט אין הויפּטאָרט.
און ווען די פאָגטן זעען, אַז ס'איז ערנסט, —
גלויבט מיר, זיי וועלן אויסמיידן אַ שטרייט
און גערן לאָזן פרידלעך זיך באַגלייטן,
כדי אונזער לאַנד וואָס גיכער צו פאַרלאָזן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

כ'האָב מורא נאָר: מיט געסלער־ן וועט שווער זיין,
ער האָט אַ שטאַרקע מחנה אַרום זיך.
אָן בלוט וועט ער ניט אָפּטרעטן. און אויך
פאַרטריבן, בלייבט ער פורכטבאַר פאַרן לאַנד.
ס'איז שווער און אַ סכנה אים צו שוינען.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן:

וואו אַ סכנה, דאָרט שטעלט מיך אַרוים.
עס האָט מיר טעל געראַטעוועט דאָס לעבן,

איך בין עס גערן מקריב פֿאַרן לאַנד.
מיין כּבוד איז געשיצט, מיין האַרץ — באַפֿרידיקט.

ד ע ד י נ ג:

די צייט וועט ווייזן. האָט דערווייל געדולד.
מען מוז דער רגע אויך עפּעס געטרויען. —
נאָר זעט, מיר פֿירן נאָך די נאַכט־פֿאַרזאַמלונג,
און אויף די הויכע בערג שטעלט שוין דער טאָג
די גליענדיקע וואַך אויס. מ׳דאַרף זיך שיידן,
איידער די שיין פֿון טאָג געפֿינט אונז דאָ.

ז ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

ניט זאָרגט, ס׳פֿאַרלאָזט די נאַכט די טאָלן לאַנגזאַם.

אַלע האָבן ניט־ווילנדיק אַראָפּגענומען די היט פֿון די קעפּ, און באַטראַכטן שטיל דעם זונענאויפֿגאַנג.

ד ע ס ע ל מ אַ ן:

ביי דער־אָ שיין, וואָס גריסט די ערשטע אונז
פֿון אַלע פֿעלקער, וועלכע אונטער אונז טיף
שווער אָטעמען אין טשאַד דאָרט פֿון די שטעט,
לאָמיר זיך שווערן אויף דעם נייעם בונד.
מיר זאָלן זיין אַן אייניק פֿאָלק פֿון ברידער,
אין נויט און אין געפֿאַר זיך ניט צו שיידן.

אַלע זאָגן נאָך מיט אײַפֿגעהויבענע דריי פֿינגער.

— מיר זאָלן פֿריי זיין, ווי די פֿאָטערס אונזערע,
דער טויט בעסער, ווי אין דער קנעכטשאַפֿט לעבן.

אַלע זאָגן נאָך.

מיר זיכערן זיך אויף דעם העכסטן גאָט,
און שרעקן זיך ניט פֿאַר דער מאַכט פֿון מענטשן.

אַלע זאָגן נאָך, מען נעמט זיך אַרום.

ש ט אַ ו פֿ אַ כ ע ר:

איצט ניין זאָל יעדער שטיל צו זיך אַהיים,
צו זיינע קרובֿים און זיינע חבֿרים.
דער פּאַסטעך מיט זיין פֿי זאָל רויִק ווינטערן

און פריינט ווערבירן שטיל פאַר אונזער בונד.
וואָס נאָך פאַרליטן ווערן מוז ביז דעמאָלט —
ליידט שטיל! זאָל די טיראַנענס חשבון
נאָך וואַקסן, ביז איין טאָג ווען אַלעמענס
און יעדן איינעמס חוב פאַר איינמאָל צאָלן.
מיר זאָלן איינהאַלטן אונזער גערעכטן צאָרן
און דעם געפיל פון ראַכע פאַר דער כלל־זאַך שפּאָרן,
דען קענן כלל באַגייט אַ שווערע זינד
ווער ס׳טראַכט נאָר וועגן אייגן ווייב און קינד.

בשעת זיי גייען זיך פונאַנדער אין דריי פאַרשיידענע זייטן, הייבט דער אָרקעסטער אָן פייערלעך צו שפּילן, די פוסטע סצענע בלייבט נאָך אַ צייט לאַנג אָפן און באַווייזט דאָס בילד פון דער אויפגייענדיקער זון.

דריטער אַקט

ערשטע סצענע

דער הויף פון טעלס הויז.
טעל שטעשט עפּעס מיט אַ האַק. העדוויג באַשעפטיקט
מיט דער שטובאַרבעט. וואַלטער און ווילהעלם שפּילן
אין דער טיף פונם הויף מיט אַ קליינעם פּיילנבויגן.

ד ו אַ ל ט ע ר

זינגט:

מיט דעם פייל און בויגן,
דורך באַרג און דורך פליין,
גייט אַרויס דער יעגער
מיטן מאָרגנשיין.

גלייך ווי ס'איז דער אָדלער
קיניג אין דער הויך, —
איבער בערג און שפּאַלטן
הערשט דער יעגער אויך.

אים געהערט דאָס ווייטע,
וואו זיין פייל פאַרפליט.
אַלץ איז פאַר אים קריגס־רויב —
וואָס עס קריכט און פליט.

לויפט צו שפּרינגענדיק.

דאָס שנירל האָט געפּלאַצט. פאַרריכט מיר, פאָטער!

ט ע ל:

איך נים. אַ גוטער יעגער העלפט זיך זעלבסט.

די יינגלעך גייען אַוועק.

ה ע ד וו י ג:

די יינגלעך הייבן צו־פרי אָן צו שיסן.

ט ע ל:

פון קינדוויז איבט זיך, ווער עס וויל זיין מייסטער.

הערוויג:

זיי זאָלן בעסער דאָס זיך גאָר ניט לערנען.

טעל:

זיי דאַרפן לערנען אַלץ. ווער דורכשלאָגן
וויל דרייסט זיך דורך דאָס לעבן, מוז צו שוץ
זיין צוגעגרייט.

הערוויג:

ווער קיינער דאַן אין הויז
קיין רו ניט האָבן.

טעל:

ליבע, איך האָב אויך ניט.
ס׳האָט נאָט מיך ניט באַשאַפן פאַר קיין פאַסטעך.
כ׳מוז שטענדיק עפּעס נאָך אַ ציל זיך יאָגן;
נאָר דאַן האָב איך הנאה פון מיין לעבן,
ווען כ׳שאַף עס יעדן טאָג זיך פון דאָס ניי.

הערוויג:

און טראַכטסט ניט ווען פון ווייב, וואָס וואַרט
אין שטוב אויף דיר דערווייל אין גרויסער בענקשאַפט.
דען ס׳פילט מיך אָן מיט אימה, וואָס די קנעכט
דערציילן זיך פון דיינע גבורות אָן.
ביי יעדער שיידונג ציטערט מיר דאָס האַרץ,
אַז דו וועסט מער זיך שוין ניט ווידערקערן.
כ׳זע צווישן ווילדע אייזבערג דיך אַמאָל
פאַרבלאָנדזשעט, צי פון איין פעלז צו דעם צווייטן
אַ שלעכט שפרונג געטאָן, צי די סאַרנע רייסט
דיך, שפרינגענדיק, אַראָפּ מיט זיך אין אָפּגרונט,
צי נאָר אַ ווינט־לאַווינע דיך פאַרשיט,
צי אונטער דיינע פיס דער פאַלשער אייז
צעפאַלט, און דו זינקסט איין, ווי לעבעדיק
באַגראָבן, אין דעם אימהדיקן קבר...
אַך! דעם דרייסטן אַלפּעניעגער היט

דער טויט אין הונדערט אַלערליי געשטאַלטן,
ניטאָ קיין אומגליקלעכערע מלאכה,
דען זי פאַרשלעפּט דעם מענטשן אין אַן אָפּגרונט.

טעל:

ווער אויגן האָט און שכל אין זיין קאָפּ,
אויף גאָט פאַרטרויט און אויף זיין פלינקער קראַפט,
דער העלפט זיך לייכט אַרויס פון אַ סכנה,
דעם שרעקט ניט באַרג, ווער ס'איז אויף אים געבוירן.

ער האָט זיין אַרבעט געענדיקט, און לייגט אַוועק די כלים.

איצט, מיין איך, וועט דער טייער דינען יאָרן:
אַ האַק אין שטוב פאַרשפּאָרט אַ סטאָליער צאָלן.

נעמט דעם הוט.

העדוויג:

וואוהין גייסטו?

טעל:

קיין אַלטאָרף צו דעם פאָטער.

העדוויג:

דו'סט וואָס געפערלעכעס פאַרטראַכט, זאָג מיר.

טעל:

ווי קומט דיר אויפן זינען?

העדוויג:

ס'שפּינט זיך עפּעס
קעגן די פאָגטן. מ'האָט אויף ריטלי זיך
פאַרזאַמלט, כ'ווייס, און דו ביסט אויך אין בונד.

טעל:

געווען בין איך דאָרט ניט. דאָך וועל איך מיך
ניט אָפּזאָגן, ווען ס'וועט דאָס לאַנד מיך רופן.

העדוויג:

וואו אַ געפאַר איז, וועלן זיי דיך שטעלן,
דאָס שווערסטע וועט דיר אָנקומען, ווי תמיד.

טעל:

באַשטייערט יעדער ווערט לויט זיין פאַרמעגן.

העדוויג:

דעם אונטערוואַלדנער האָסטו אויך אין שטורם
איבערגעשיפט — עס איז אַ וואונדער נאָר,
וואָס איר זייט גאַנץ געבליבן. טראַכסט דען גאָר ניט
וועגן דיין ווייב און קינד?

טעל:

מיין ליבע ווייב,
איך טראַכט. דעריבער טאַקע האָב איך עס
געראַטעוועט דעם פאָטער ויינע קינדער.

העדוויג:

אין שטורעמווינט זיך לאָזן שיפן — ס׳הייסט:
ניט גאָט געטרויען, נאָר אים אויספּרוּוון.

טעל:

ווער ס׳רעכנט צופיל אויס, וועט ווייניק אויסטאָן.

העדוויג:

יאָ, דו ביסט גוט און העלפן גרייט, דינסט אַלעמען,
נאָר דיר וועט קיינער אין דיין נויט ניט העלפן.

טעל:

זאָל גאָט מיך היטן, איך זאָל דאַרפן הילף.

ער נעמט דעם בויגן און די פיילן.

העדוויג:

וואָס דאַרפסטו דען דעם בויגן, לאָז אים דאָ.

טעל:

כ׳בין אָן מיין וואָפן גלייך ווי אָן אַ האַנט.

די יינגלעך קומען צוריק.

וואַלטער:

אָ, פאָטער, דו גייסט ערגעץ?

ט ע ל:

קיין אַלטאָרף, יִינגל.
צום זיידן. ווילסט אויך גיין?

וו אַ ל ט ע ר:

אַוודאי וויל איך.

ה ע ד וו י ג:

דער לאַנדפאָגט איז איצט דאָרט. ניט גיי אַהין.

ט ע ל:

ער פאָרט היינט אָפּ.

ה ע ד וו י ג:

טאָ וואַרט, ער זאָל אַוועק.
דערמאָן אים ניט אָן זיך, ר׳איז בייז אויף אונז.

ט ע ל:

זיין בייזער ווילן קאָן מיר ווייניק שאָדן.
אָ, ערלעך לעב איך, כ׳שרעק מיך ניט פאַר פיינט.

ה ע ד וו י ג:

די ערלעכע אַממערסטן דווקא האַסט ער.

ט ע ל:

ווייל ער האָט ניט צו זיי קיין צוטריט. מיך
וועט ער צורו לאָזן, אַזוי מיין איך.

ה ע ד וו י ג:

פון וואַנען ווייסטו עס?

ט ע ל:

אַנומטן בין איך
געגאַנגען אויף דער יאַגד אין ש ע כ ע ן-ט אָ ל
דורך ווילדע וועגן אָן אַ שפור פון מענטשן
און קריכנדיק איבער אַ פעלזנשטעג,
וואָס אויסמיידן איז אוממעגלעך געווען,
ווייל איבער מיר געהאַנגען איז די פעלזנוואַנט,

און האָט געראַוישט דער שעכען שרעקלעך...

די יינגלעך שטעלן זיך לעבן אים נאָענט פון רעכטס און פון לינקס און קוקן אויף אים מיט געשפּאַנטע נייגעריקייט.

ערשט ס'קומט דער לאַנדפּאָנט מיר אַנטקעגן.
ער — גאַנץ אַליין מיט מיר, אויך איך אַליין,
בלויז מענטש און מענטש, און לעבן אונז — דער אָפּגרונט.
און ווי עס האָט דער פּאָנט מיך נאָר דערזען
און מיך דערקענט, — דען קורץ פאַר דעם האָט ער
צוליב אַ קלייניקייט מיך שווער באַשטראָפט —
און ווי ער זעט מיך אַ באַוואָפנטן
אַנטקעגן אָנגעקומען, ווערט ער בלאַס,
די קניען בייגן זיך אים אונטער; ס'דאַכט זיך:
אָט פאַלט ער באַלד אין אָפּגרונט גאָר אַראָפּ.
ס'איז אַ רחמנות. גיי איך צו אים צו
און זאָג באַשיידן: איך בין עס, הער לאַנדפּאָנט!
נאָר ער קיין מינדסטן קלאַנג קאָן ניט פון מויל
אַרויסלאָזן. ער האָט נאָר מיט דער האַנט
געטאָן אַ וואונק, אַז איך זאָל גיין מיין וועג.
איך בין אַוועק און אים געשיקט זיין סוויטע.

הַעדוויג:
ער האָט פאַר דיר געציטערט — וויי צו דיר!
ר'וועט קיינמאָל דיר זיין שוואַכקייט ניט פאַרצייען.

טעל:
איך מייד אים אויס, אויך ער וועט מיך ניט זוכן.

הַעדוויג:
נאָר היינט ניט ווייז זיך דאָרט, אויף יאַגד גיי בעסער.

טעל:
וואָס איז אַזוינס?

הַעדוויג:
כ'האָב מורא. גיי אַהין ניט.

ט ע ל:

וואָס שרעקסטו זיך אַזוי גלאַט אָן אַ סיבה?

ה ע ד ו ו י ג:

אָט ו ו י י ל ניטאָ קיין סיבה, טעל, בלייב דאָ!

ט ע ל:

כ׳האָב צוגעזאָגט, מיין ווייב, צו קומען היינט.

ה ע ד ו ו י ג:

דו מ ו ז ט, טאָ גיי. נאָר לאָז מיר דאָ דעם יינגל.

ו ו אַ ל ט ע ר:

ניין, מאַמעלע, איך וויל גיין מיט דעם פאָטער.

ה ע ד ו ו י ג:

וועלטי, פאַרלאָזן ווילסטו דען דיין מוטער?

ו ו אַ ל ט ע ר:

כ׳וועל דיר אַ נוטע זאַך פון ויידן ברענגען.

גייט מיט דעם פאָטער.

ו ו י ל ה ע ל ם:

מיין מוטער, איך בלייב דאָ מיט דיר.

ה ע ד ו ו י ג

נעמט אים אַרום:

יאָ, דו,

מיין קינד, אַליין ביסט לעבן מיר געבליבן.

זי גייט צו דעם טויער און באַגלייט אַ לאַנגע צייט די אַוועקגעגאַנגענע מיט די אויגן.

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

אַן איינגעשלאָפענע ווילדע וואַלד-געגנט. וואַסער-פאַלן שוימען פון די פעלזן. ב ע ר ט אַ אין יאַגד-קליידער, גלייך נאָך איר — ר ו ד ע נ ע.

ב ע ר ט אַ:

ער גייט מיר נאָך. איצט קאָנען מיר דאָ ריידן.

ד ו ד ע נ ק

קומט אַן מיט שנעלע טריט:

לסוף געפין איך, פריילין, אייך אַליין.
אונז שליטן תהומע איין פון אַלע זייטן.
דאָ האָב איך ניט קיין מורא פאַר קיין עדות,
און וועל באַפרייען מ׳הארץ פון לאַנגן שווייגן.

ב ע ר ט אַ:

צי גייט אונז עמעצער ניט נאָך פון הינטן?

ד ו ד ע נ ק:

די יאַגד איז ווייט. איצט — אָדער קיינמאָל ניט.
איך קאָן ניט דורכלאָזן דעם גוטן מזל.
באַשטימט זאָל זיין מיין גורל אין דער רגע,
אַפילו ווען אויף אייביק זיין צעשיידט.
אָ, ניט באַוואָפנט אייער גוטן בליק
אזוי מיט פינס׳טרער שטרענגקייט. ווער בין איך,
וואָס כ׳וואַג צו אייך מיין דרייסטן וואונטש דערהייבן?
קיין רום האָט מיך נאָך ניט געקריינט. און דאַרף
אין איין ריי מיך ניט שטעלן מיט די ריטער,
וואָס רינגלען זיג=באַרימטע אייך אַרום.
כ׳האָב נאָר אַ האַרץ פול טרייהייט און פול ליבע.

ב ע ר ט אַ

ערנסט און שטרענג:

איר וואַגט פון טרייהייט און פון ליבע ריידן,

ווען איר זייט אומגעריי צו די נאָנטסטע פליכטן?

רודענק טרעט אָפּ אויף צוריק.

אָ, קנעכט פון עס רייך, וואָס האָט זיך פאַרקויפט
צום פרעמדן אונטערדריקער פון זיין פאָלק!

רודענק:

פון אייך, מיין פרײַלין, הער איך אַזאַ פאָרוואורף?
כיזוך ווע מען זשע, חוץ אייך, אויף יענער זייט?

בערטאַ:

מיך ווילט איר אויף דער זייט פונם פאַראַט
געפינען? גיכער וואָלט איך שוין מיין האַנט
דעם אונטערדריקער געסלערן געשענקט,
ווי דעם פאַררעטערישן זון פון שווייץ,
וואָס לאָזט זיך געסלערס ווערקצייג ווערן.

רודענק:

אָ, גאָט, וואָס הער איך דאָ!

בערטאַ:

ווער איז אַפנים
דעם מענטשן נעענטער פאַר זיינע נאָנטע?
עס האָט דאָס איידל האַרץ דען חובות שענער,
ווי צו פאַרטיידיקן די אומשולדיקייט?
ווי ס׳רעכט פון אונטערדריקטע צו באַשיצן?
עס בלוטיקט מיר דאָס האַרץ פאַר אייער פאָלק.
איך לייד מיט אים, וואָרעם איך מוז עס ליבן.
עס איז אַזוי באַשיידן, דאָך — פול קראַפט.
עס ציט צו אים מיך מיט מיין גאַנצן האַרצן,
פון טאָג צו טאָג פאַרער איך עס אַלץ מער.
און איר, וואָס אייך נאַטור און ריטערפליכט
אים גיבן אַלס געבוירענעם באַשיצער —
און איר פאַרלאָזט׳ס און טרייסלאָז גיט זיך אָפּ
צום פיינט און קייטן שמידט פאַר אייער לאַנד, —

איר קרענקט מיך און פאַרשאַפט מיר לייד; איך מוז
מיין האַרץ באַצווינגען, כדי אײַך ניט צו האַסן.

ר ו ד ע נ ק:
איך ווינטש דען ניט דאָס בעסטע פאַר מיין פאָלק
און אונטער עסטרייכס שטאַרקן סצעפּטער ניט
קיין פרידן?...

ב ע ר ט אַ:
קנעכטשאַפט ווילט איר פאַר אים שאַפן!
די פרייהייט ווילט איר פון דער לעצטער פעסטונג,
וואָס איר פאַרבלייבט נאָך אויף דער ערד, פאַרטרייבן.
דאָס פאָלק ווייס בעסער, וואָס איז גליק פאַר אים.
קיין גלאַנץ פאַרפירט ניט זיין געפיל געזונטן.
זיי האָבן אײַך אין זייער נעץ געפאַנגען.

ר ו ד ע נ ק:
בערטאַ! איר האָט מיך פיינט, און איר פאַראַכט מיך!

ב ע ר ט אַ:
מיר וואָלט אַזוי זיין בעסער — אָבער דעם
פאַראַכטעטע זעען אין פאַראַכטונגס־ערט,
וואָס דו וואָלסט אים גאָר ליבן...

ר ו ד ע נ ק:
בערטאַ! בערטאַ!
דאָס העכסטע הימל־גליק באַווייזט איר מיר,
און שליידערט ווידער טיף אין אויגנבליק!

ב ע ר ט אַ:
ניין, ניין, דאָס איידלס איז ניט גאַנץ דערשטיקט
אין אײַך, עס דרימלט נאָר, איך וועל עס וועקן.
איר טוט אײַך שטאַרקן איבער זיך אַליין,
און זיך די גוטס פון האַרצן צו דערשלאָגן.
נאָר וואויל צו אײַך — דאָס גוטס איז פאַר אײַך שטאַרקער,
און קענן ווילן זייט איר פיין און איידל.

ר ו ד ע נ ק:

איר גלויבט אין מיר! אַ, בערטאַ, אַלץ, אַלץ קאָן
דאָך אייער ליבע פון מיר מאַכן!

ב ע ר ט אַ:

ניין,
זייט ווי עס מאַכט אייך די נאַטור די שיינע,
פאַרנעמט דעם פּלאַץ, וואו זי האָט אייך געשטעלט.
באַשטייט פאַר אייער פאָלק, פאַר אייער לאַנד
און קעמפט פאַר אייער הייליק רעכט!

ר ו ד ע נ ק:

ווי מיר!
ווי קאָן איך אייך דערגרייכן, אייך באַזיצן,
אַ ווידערשפּעניקער אין קייזערם מאַכט?
ס'איז דען דער רצון ניט פון אייערע קרובים,
וואָס האָבן איבער אייער האַנט די שליטה?

ב ע ר ט אַ:

דאָ ליגן מיינע גיטער אין דעם וואַלדקאַנט,
און איז דער שווייצער פריי — בין איך עס אויך.

ר ו ד ע נ ק:

בערטאַ! איר אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ נייע וועלט!

ב ע ר ט אַ:

דורך עסטרייכס פריינדשאַפט האָט ניט מיך געפינען,
צו מיין ירושה שטרעקן זיי די האַנט —
מען וויל זי צו דעם קינינס לאַנד באַהעפטן.
די זעלבע גערירקייט, וואָס אייער פרייהייט
פאַרשלינגען וויל, זי דראָט אויך מיין פרייהייט.
אָ, פריינד, איך בין באַשטימט אַלס קרבן, אפשר
כדי עמיצן אַ ליבלינג צו באַלוינען, —
דאָרט, וואו עס זיינען פאַלשקייט און אינטריגעס.
מען וויל פאַרנאַרן מיך אין קייזערס הויף

און שמידן אין פֿאַרהאַסטע חופֿה־קייטן,
די ליבע אייערע נאָר קען מיך רעטן.

פירענק:

איר קאָנט זיך דען באַשליסן דאָ צו לעבן?
דאָ, אין מיין פֿאָטערלאַנד מיר צו געהערן?
אָ, בערטאַ, גאָר מיין שטרעבן אין די ווייטן
וואָס איז, אויב ניט דאָס שטרעבן מיינס צו אייך.
איך האָב אייך אויף דעם וועג פֿון רום געזוכט,
און גאָר מיין ערגייץ איז געווען מיין ליבע.
איר קאָנט מיט מיר זיך אין דעם שטילן טאָל
פֿאַרשליסן און אָנטזאָגן זיך פֿון גלאַנץ —
אָ, דאַן האָב איך דערגרייכט מיין ציל אין לעבן,
דאַן מעג דער שטראָם פֿון רוישנדיקן לעבן
ביים מעסטן ברעג פֿון אונזערע בערג שלאָגן.
איך האָב ניט מער קיין פֿליִיקע פֿאַרלאַנגען
צו שיקן אין די ווייטן פֿון דעם לעבן.
דאַן וועלן אָט די פֿעלזן, וועלכע ברייטן
די אומדורכדרינגלעכע וואַנט אַרום אונז,
און דער פֿאַרשפּאַרטער ליבער טאָל אַפֿילו,
צום הימל עפֿן און מיט שיין זיין פֿול.

בערטאַ:

איצט ביסטו פֿונקט, ווי מיך האָט מיין הארץ פֿון דיר געטרייסט. מיין גלייבן האָט מיך ניט באַטראָגן.

פירענק:

אוועק, דו פֿוסטער טרויט, וואָס האָט פֿאַרפֿירט מיך.
איך וועל מיין גליק געפֿינען אין מיין היימאַט.
דאָרט, וואו אַלס יינגל האָב איך אויפֿגעבליט,
וואו טויזנט פֿריידן־שפּורן אַרום מיר,
וואו אַלע קוואַלן, ביימער פֿאַר מיר לעבן, —
אין פֿאָטערלאַנד דאָ וועלסטו מיינע ווערן!

אַך, שטענדיק האָב איך עס געליבט! איך פיל עס,
געפעלט צום גליק האָט מיר עס אויף דער ערד.

בערטאַ:

וואו דען קאָן דער געבענטשטער אינזל זיין,
אויב ניט אָט־דאָ איז ער, אין לאַנד פון אומשולד?
דאָ, וואו די אַלטע טריַיהייט היימיש וואוינט,
וואו נאָך ניט אײַנגעוואָרצלט איז די פאַלשקייט?
קיין קנאה ט׳אונזער גליק דאָ ניט באַטריבן,
און אייביק העל וועט פליען אונזער צייט.
כ׳וועל דיך דאָ זען אין עכטן מענער־ווערט.
דער ערשטער צווישן גלייכע, צווישן פרייע,
מיט ריינע פרייע כבודן באַערט,
גרויס, ווי אַ קיניג, אין זיין לאַנד געטרייען.

רודענץ:

כ׳וועל דיך דאָ זען, די קרוין פון אַלע פרויען,
אין ווייבלעך־רייצנדער באַשעפטיקטקייט,
ווי אין מיין הויז אַ הימל וועסטו בויען,
און, ווי דער פרילינג זיינע בלומען שפרייט,
באַפוצן מיר מיט שיינעם חן דאָס לעבן
און אַלץ אַרום באַגליקן און באַלעבן.

בערטאַ:

איצט ווייסטו, פריינט, פאַרוואָס איך האָב געטרויערט,
ווען כ׳האָב געזען, ווי דו אַליין דאָס גליק
צעשטערסט. ווי מיר! מיט מיר וואָס וואָלט געוועזן,
ווען איך מוז נאָך דעם שטאָלצן ריטער גיין,
דעם לאַנדבאַדריקער, אין זיין פינסטערן שלאָס!
ניטאָ קיין שלעכטער דאָ! מיך שיידן מויערן
ניט אָפּ פון פאָלק, וואָס איך קאָן עס באַגליקן!

רודענץ:

נאָר ווי זיך רעטן, און פון נעץ באַפרייען
וואָס כ׳האָב אַליין אַרום מיין קאָפּ פאַרצויגן?

ב ע ר ט אַ:
צערייס מיט מאַנסבילשער אַנטשלאָסנקייט!
און וואָס עס זאָל ניט זיין — גיי מיט דיין פאָלק —
דאָס איז דיין איינגעבאָרענער פּלאַץ —

יאַגד־טרובעס הערן זיך פונווייטן.

די יאַגד

קומט נענטער. גיי, מען מוז זיך שיידן. קעמף
פאַר ס פאָטערלאַנד — דאָס קעמפסטו פאַר דיין ליבע!
ס'איז דאָ איין פיינט, וואָס פאַר אים אַלע ציטערן,
און נאָר איין פרייהייט מאַכט אונז אַלע פריי!

גייען אָפּ.

דריטע סצענע

פֿלאַנקע לעבן פֿלטאָרף.

אין פֿאָרגרונט — בײַ מער. אין דער מיט — ווער היט אויף אַ שטאַנג, די פֿע־פּעסקעוו באַנדעניצט דורך דעם פֿאָנבאַרג, אי־בער וועלכן עס הייבן זיך שניי־בערג. פֿרימהאַרט און לוים. האַלד האַלטן די וואַך.

פ ר י ס ה אַ ר ט:

מיר היטן דאָ אומזיסט. ס׳קומט קיינער ניט
אַ רעווערענס צו מאַכן פאַר דעם הוט.
אַמאָל איז דאָ געווען אַ יאַריד —
און איצט — די גאַנצע לאַנקע, ווי אַ מדבר,
זינט ווען די נעטשקע הענגט דאָ אויף דער שטאַנג.

ל י ט ה אָ ל ד:

נאָר ווייטע חברה ווייזט זיך דאָ און פאָכעט,
צו רייצן אונז, מיט שמאַטעדיקע הימלען,
און רעכטע מענטשן — יענע מאַכן ליבער
אַ ווייטן קרייז אַרום אַ האַלבן שטעטל,
אַבי דעם רוקן פאַר דעם הוט ניט בויגן.

פ ר י ס ה אַ ר ט:

די האָבן דאָך געמוזט דעם פּלאַץ אַדורכגיין,
פון ראַטהויז נייעדיקן צו מיטאָג־צייט, —
האָב איך געהאָפט אַ גוטן פאַנג צו מאַכן,
ווייל קיינער טראַכט נאָרניט דעם הוט צו גריסן.
דערזעעטיס דער גלח רעסעלמאַן, — ער איז
געגאַנגען פון אַ חולה, — שטעלט ער זיך
גראָד פאַר דעם שטאַנג אָפּ מיט דעם הייכווערדיקן.
דער שמש האָט געמוזט אין גלעקל קלינגען,
און אַלע פאַלן אויף די קני, איך — אויך, —
מען גריסט די הייליקייט נאָר, ניט דעם הוט.

ל י ט ה אָ ל ד:

הער, חבר, ס׳הייבט מיר אָן צו דאַכטן גאָר:
מיר שטייען דאָ צום שאַנדסלופּ פאַר דעם הוט.

ס'איז דאָך אַ חרפּה פאַר אַ רייטער־קריגער,
די וואַך צו האַלטן פאַר אַ פּוסטן הוט —
יעדער רעכטער מענטש מוז אונז פאַראַכטן. —
אַ רעוואַנש צו מאַכן פאַר אַ הוט! —
ס'איז, כ'לעבן, נאָר אַ נאַרישער באַפעל.

פּריסהאַרט:
פאַרוואָס ניט פאַר אַ לעערן פּוסטן הוט —
דו בוקסט זיך דאָך פאַר אַנדערע פּוסטע קעפּ.

הילדעגאַרד, מעכטילד און עלזבעט קומען אָן מיט קינדער און שטעלן זיך אַרום דעם שטאַנג.

לייטהאָלד:
און דו ביסט אויך אַן אונטערלעקער, אַ מנוול,
און פירסט אַריין אין אומגליק פיינע לייט!
זאָל ווער עס וויל פאַרבייגיין פאַרן הוט —
איך שליס די אויגן צו און טו קיין קוק ניט.

מעכטילד:
דאָ הענגט דער לאַנדפאָגט, האָט רעספּעקט, איר קליינוואַרג!

עלזבעט:
וואָלט ער אַוועק און אונז דעם הוט געלאָזן —
וואָלט גאָר דערפון ניט ערגער זיין אין לאַנד.

פּריסהאַרט
טרייבט זיי:
אַוועק, פאַרפלוכטע ווייבער־פאָלק, פונדאַנען!
ווער דאַרף אייך דאָ? די מאַנען שיקט אַהער,
און זאָלן זיי ניט פאָלגן דעם באַפעל.
די ווייבער גייען אַוועק.

טעל קומט אָן מיטן בויגן, פירנדיק דעם יונגל פאַרן האַנט. זיי גייען קעגן דער פאָדערסטער פאַרביי דעם הוט, ניט לייגנדיק קיין אכט אויף אים.

וואַלטער
ווייזט אָן אויפן באַנבאַרג:
ס'איז אמת, פאָטער, אַז די ביימער בלוטן

אויף יענעם באַרג, ווען מען דערלאַנגט אין זיי
אַ האַק?

ט ע ל:

ווער האָט עס, יינגל, דיר דערציילט?

וו אַ ל ט ע ר:

דער מייסטער-פּאַסטעך זאָגט. די ביימער זיינען
פאַרכּישופֿט, זאָגט ער, און ווער עס טשעפּעט זיי,
ביי יענעם וואַקסט אַרוים די האַנט פון קבֿר.

ט ע ל:

פאַרכּישופט זיינען זיי, ס'איז טאַקע אמת.
— דו זעסט, די שנייען דאָרט, די ווייסע הערנער,
וואָס זיי דערגרייכן הויך אַזש ביזן הימל?

וו אַ ל ט ע ר:

די גלעטשערס זיינען עס, וואָס דונערן ביינאַכט
און שיקן אונז אַראָפּ די שניילאַווינעס.

ט ע ל:

ריכטיק. און לענגער וואָלטן די לאַווינעס
דאָס שטעטל אַלטאָרף אונטער זייער לאַסט
פאַרשאָטן, ווען דער וואַלד וואָלט זיך דאָרט אויבן
אַנטקעגן ניט געשטעלט, גלייך ווי אַ לאַנדווער.

וו אַ ל ט ע ר

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן:

פאַראַן אויך לענדער, וואו ניטאָ קיין בערג?

ט ע ל:

ווען מ'לאָזט פון אונזערע הייכן זיך אַראָפּ
און מ'גייט אַלץ נידעריקער מיט די שטראָמען,
דאַן קומט מען אין אַ גרויסן פלאַכן לאַנד,
וואָס וואַלד-וואַסערן שוימען שוין דאָרט ניט,
די טייכן רינען רויק און געלאַסן.

דאָרט װעט מען פרײ די ברײטע הימל-רױמען,
און קאָרן װאַקסט אױף לאַנגע בײטן דאָרט,
און ס'װעט דאָס לאַנד אױס, װי אַ שײנער גאָרטן.

װאַלטער:

אײ, פאָטער! טאָ פאַרװאָסװשע גײען מיר ניט
געשװינט אַהין אין יענעם שײנעם לאַנד,
אַנשטאָט זיך דאָ צו מאַטערן און פּלאָגן?

טעל:

דאָס לאַנד איז שײן און גוט, גלײך װי דער הימל,
נאָר די, װאָס בױען עס, געניסן ניט
די ברכה, װאָס זײ פלאַנצן.

װאַלטער:

לעבן זײ
ניט פרײ, װי דו, אױף זײער אײגן נחלה?

טעל:

דאָס פעלד געהערט דעם בישאָף און דעם קיניג.

װאַלטער:

דאַן קאָנען זײ דאָך פרײ אין װאַלד אױף יאַגד גײן?

טעל:

דעם הארס זײנען דאָרט אױך פון װאַלד די חיות.

װאַלטער:

דאַן קענען זײ פרײ פיש-פאַנגען אין שטראָם?

טעל:

דער שטראָם, דער ים, דאָס זאַלץ — זײנען דעם קיניגס.

װאַלטער:

װער איז ער עס, װאָס װאַרפט אַ שרעק אױף לײטן?

טעל:

ער איז עס דער, װאָס שיצט זײ און דערנערט.

ו ו א ל ט ע ר:

יי קענען דען אליין זיך ניט באשיצן?

ט ע ל:

דארט טאר א שכן ניט זיין שכן גלויבן.

ו ו א ל ט ע ר:

ס'וואלט ענג מיר זיין דארט אין נערווימן לאנד.
דא, אונטער די לצווינעס ליבער בלייב איך.

ט ע ל:

יא, בעסער איז עס, קינד, די גלעטשער-בערג
צו האבן הינטער זיך, ווי בייזע מענטשן.
זיי ווילן פארביינייין.

ו ו א ל ט ע ר:

איי, פאטער! זע דעם הוט דארט אויף דעם שטאנג!

ט ע ל:

וואס גייט אונז אן דער הוט! קום, לאמיר גיין.
בשעת ער וויל אוועקגיין, גייט ארום פריסהארט אנטקעגן אים מיט אן
אויסגעשטרעקטער פיקע.

פ ר י ס ה א ר ט:

אין קייזערס נאמען! שטעלט זיך אפ און שטייט!

ט ע ל

כאפט אן די פיקע.

וואס ווילט איר האבן? וואס פארהאלט איר מיך?

פ ר י ס ה א ר ט:

איר היט ניט דעם באפעל, איר מוזט מיט אונז גיין.

ל י י ט ה א ל ד:

איר האט דעם הוט באערן ניט געוואלט.

ט ע ל:

פריינט, לאזט מיך גיין!

פ ר י ס ה א ר ט:

ניין, גיין וועסטו אין תפיסה.

וואַלטער:

דעם פאָטער אין דער תפיסה! ראַטעוועט!

שרייט אין דער טיף פון דער סצענע.

אַהער קומט, מענטשן, גוטע מענטשן, העלפט!

געוואַלד! זיי פירן אים אַוועק אין תפיסה!

רעסעלמאַן דער גלח, פעטערמאַן דער שמש און נאָך מאַנס־ביל קומען צו לויפן.

פעטערמאַן:

וואָס איז?

רעסעלמאַן:

וואָס האָסטו צו דעם מענטשן?

פריסהאַרט:

ער איז אַ פיינט פון קייזער, אַ פאַררעטער.

טעל

כאַפּט אים אָן מיט קראַפט:

אַ פאַררעטער, איך!

רעסעלמאַן:

אַ טעות, פריינט, ס'איז טעל,

אַ מענטש אָן ערלעכער, אַ גוטער בירגער.

וואַלטער

דערזעט וואַלטער פירשטן און איילט צו אים אַנטקעגן:

אָ, זיידע, העלף, מען וויל דעם פאָטער שלעכטס טאָן.

פריסהאַרט:

אין תפיסה, מאַרש!

וואַלטער פירשט:

איך בין פאַר אים ערב. האַלט!

אום גאָטעס ווילן, טעל וואָס איז געשען?

מעלכטאַל און שטאַופאַכער קומען אָן.

פריסהאַרט:

די אייבערהערשערישע מאַכט פון לאַנדפאָגט

פאַראַכט ער און ער וויל ניט אָנערקענען.

שטאַופאַכער:

ס'זאָל האָבן טעל געטאָן?

מעלכטאַל:

דו לייגסט עס, ליידאַק.

לייטהאָלד:

ער האָט צום הוט זיך בוקן ניט געוואָלט.

וואַלטער פירשט:

דעריבער זאָל מען אים פאַרזעצן? פרײַנט,
נעם אָן מײַן ערבות, און לאָז פרײַ אים גיין.

פריסהאַרט:

זײַ ערב דו פאַר זיך און פאַר דײַן אייגן קאָפּ.
מיר טוען אונזער חוב. אין תפיסה נעמט אים!

מעלכטאַל

צום עולם:

ניין, ס'איז אַן אומרעכט, ווי דערלאָזן מיר עס,
מען זאָל אים נעמען פרעך פאַר אונזערע אויגן!

פעטערמאַן:

מיר זײַנען שטאַרקער, פרײַנט, דערלאָזט עס ניט!
מיר דאַרפן אייגער פאַר דעם צווייטן האַלטן.

פריסהאַרט:

ווער וואַגט ניט פאָלגן דעם באַפעל פון פאָגט?

נאָך 3 לאַנדסלייט

קומען אָן אײַלנדיק:

מיר העלפן אײַך. וואָס איז? ניט שוינט זיי, שלאָגט!
הילדעגאַרד, מעכטילד און עלזבעט קומען ווידער.

טעל:

כ'וועל מיר שוין העלפן זעלבסט, גייט, גוטע מענטשן.
איר מיינט, ווען איך וואָלט וועלן ברויכן כוח,
וואָלט איך פאַר זייערע שפּיזן מיך דערשראָקן?

מעלכטאַל

צו פריטהאַרטן:

פון צווישן אונז אַוועקצונעמען פּרוּוו אים!

וואַלטער פירשט און שטאַופאַכער:

גע[illegible]אַכן! רויק!

פריטהאַרט

שרייט:

אויפשטאַנד און מרידה!

עס הערן זיך יעגער-האָרנס.

ווייבער:

דער לאַנדפאָגט קומט!

פריטהאַרט

שרייט העכער:

מרידה, אויפשטאַנד, בונט!

שטאַופאַכער:

שריי ביז צו פּלאַצן, ליידאַק!

רעטעלמאַן און מעלכטאַל:

דו וועסט שווייגן!

פריטהאַרט

שרייט נאָך העכער:

צו הילף, צו הילף דעם דינער פון געזעץ!

וואַלטער פירשט:

אַט איז דער פאָגט שוין, ווי אונז, וואָס וועט'ס זיין!

געסלער, רייטנדיק, מיט דעם ע פאַרבער אויף דער האַנט. **רודאָלף האַראַס**, **בערטאַ** און **רודענץ**. אַ גרויסע סוויטע באַוואָפנטע קנעכט, וועלכע רינגלען אַרום די גאַנצע סצענע מיט אַ קרייז פון פּיקעס.

האַראַס:

אַ וואַרע פאַר דעם לאַנדפאָגט!

געסלער:

גלייך צעטרייבט זיי.

וואָס פאַר אַן אויפגעלאַף. ווער בעט דאָ הילף?

אַלע שווייגן.

ווער איז'ס, איך וויל עס וויסן?

צו פריסהאַרטן.

קום אַהער.

ווער ביסטו, און וואָס האַלטסטו דעם=אָ מענטשן?

גיט איבער דעם שפּאַרבער צו אַ דינער.

פ ר י ס ה אַ ר ט:

מיין גרויסער האַר, איך בין אַ זעלנער דיינער,
און בין געשטעלט צו וואַכן פאַר דיין הוט.
און דעם=אָ מענטשן האָב איך דאָ געכאַפּט,
ווי ער האָט ניט געוואָלט דעם הוט באַערן.
וויל איך פאַרזעצן אים, ווי דו'סט באַפוילן,
וויל אים דאָס פאָלק מיט גוואַלד פון מיר באַפרייען.

ג ע ס ל ע ר

נאָך אַ פויזע:

פאַראַכטסטו גאָר אַזוי דיין קייזער, טעל?
און מיך, וואָס איך רעגיר דאָ אָנשטאָט אים?
דעם כבוד גיסטו ניט דעם הוט, וואָס איך
האָב אויסגעשטעלט צו פּרווון, ווער געהאָרכזאַם איז.
דו האָסט דערמיט דיין אַ מטרייהייט דערוויזן.

ט ע ל:

פאַר־צייט מיר, ליבער האַר, ס'איז ניט בכיוון,
ניט אומאַכטונג צו אייך איז דאָ די סיבה.
ווען כ'זאָל זיין איינגערעכנט און באַדאַכטיק,
וואָלט דאַן מיין נאָמען ניט געהייסן טעל.
איך בעט גענאָד, דאָס וועט ניט מער געשען.

ג ע ס ל ע ר

נאָך אַ קורצן שטיל-שווייגן:

דו ביסט אַ מעסטער אויפן בויגן, טעל.
מען זאָגט, דו שטייגסט אַריבער אַלע יעגער.

וואַלטער טעל:

און דאָס איז אמת, האַר, אַן עפּל שיסט
דער פאָטער אָפּ פון בוים אויף הונדערט טריט.

געסלער:

איז דאָס דיין יינגל, טעל?

טעל:

יאָ, ליבער האַר.

געסלער:

האָסטו פיל קינדער?

טעל:

צוויי יינגלעך, האַר.

געסלער:

און וועלכן האָסטו פון זיי מערער ליב?

טעל:

מיין האַר, זיי זיינען ביידע גלייך מיר ליב.

געסלער:

נו, טעל, ווייל דו שיסט אָפּ פון בוים אַן עפּל
אויף הונדערט טריט, זאָלסטו זשע דאָ דיין קונסט
פאַר מיר באַווייזן. נעם דעם בויגן דיינעם,
דו האָסט אים ביי דער האַנט, און מאַך זיך פאַרטיק,
פון יינגלס קאָפּ אַן עפּל אַראָפּשיסן.
נאָר כ׳וויל דיר ראָטן: ציל זיך גוט, דו זאָלסט
דעם עפּל טרעפן מיט דעם ערשטן שאָס.
דען אויב דו טרעפסט ניט, איז דיין קאָפּ פאַרלאָרן.
(אַ באַוועגונג פון אימה אַרום.)

טעל:

האַר, סאַר אַ שרעקלעך שלעכטס האָט איר אויף מיר
פאַרטראַכט! — איך זאָל פון מיין קינדס קאָפּ... —
ניין ס׳קען ניט זיין, מיין האַר, איר מיינט עס ניט

מיט ערנסט — זאָל גאָט אויסהיטן — איר קענט'ס
דאָך פון אַ פאָטער ערנסט ניט פאַרלאַנגען.

געסלער:

דעם עפּל װאָלסטו פון דעם ייִנגלס קאָפּ
אַראָפּשיסן, דען איך באַגער און װיל עס.

טעל:

כ'זאָל מיט מיין בוינן אין דעם ליבן קאָפּ
פון איינן קינד מיינס צילן? — בעסער שטאַרבן.

געסלער:

שיסט, אָדער שטאַרבסט צוזאַמען מיט דיין זון.

טעל:

איך זאָל דער מערדער װערן פון מיין קינד?!
האַר! איר האָט ניט קיין קינדער, װייסט איר ניט,
װאָס אין אַ פאָטערס האַרץ טוט זיך באַװעגן.

געסלער:

אָ, טעל, ביסט פּלוצלונג גאָר אַזוי מיושב!
מען האָט געזאָגט מיר, אַז דו ביסט אַ טרוימער,
דערװייטערסט זיך פון אַנדערע מענטשנס װעגן,
דו ליבסט אַלץ אומגעװיינלעכס — האָב איך איצט
פאַר דיר אַ גרויסע גבורה צוגעטראַכט.
אַן אַנדערער װאָלט זיך פאַרטראַכט, דו מאַך
די אויגן צו און נעם זיך דרייסט פאַר דעם.

בערטאַ:

ניט שפּאַסט, אָ, האַר, מיט די־אָ מענטשן, נעבעך.
איר זעט, זיי שטייען בלאַס פון שרעק. זיי זיינען
דאָך קנאַפּ געװוינט צו שפּאַס פון אייער מויל.

געסלער:

װער זאָגט אייך, אַז איך שפּאַס?

כאַפּט אָן אַ צװייג פון אַ בוים, װאָס הענגט איבער אים,

אָט איז אַן עפּל.

מאַכט פריי אַ פּלאַץ — זאָל ער צו אָרט פאַרנעמען
ווי ס׳דאַרף צו זיין — איך גיב אים אַכציק טריט.
ניט ווייניקער, ניט מער. — ער ט׳זיך באַרימט,
אויף גאַנצע הונדערט אין דעם ציל צו טרעפן.
איצט, יעגער, טרעף, און ניט פאַרפעל דעם ציל.

הַאַראַס:

נאָט! ערנסט ווערט עס — פאַל אַנידער, יינגל,
מען מעג, — און בעט דעם לאַנדפאָגט אום דיין לעבן.

וואַלטער פירשט

(פון דער זייט צו מעלכטאַלן, וואָס באַצווינגט קוים זיין אומגעדולד:)

נאָר האַלט זיך איין, איך בעט אייך. רויק בלייבט.

בערטאַ:

זאָל שוין גענוג זיין, האַר, דאָס איז אוממענטשלעך,
אַזוי צו שפּילן מיט אַ פאָטערס אַנגסט.
אויב דער-אָ מענטש האָט זיך מיט לייב און לעבן
פאַרשולדיקט קעגן אייך — ביי גאָט שווער איך —
ער האָט שוין איצט צענפאַך דעם טויט געפילט,
און לאָזט אים גיין בשלום צו זיין היים,
ער ווייס שוין, וואָס איר זייט; ער וועט די רגע
געדענקען גוט און קינדס-קינדער פאַרזאָגן.

געסלער:

מאַכט פריי דעם אָרט. נו, דרייסט! וואָס האָסטו מורא?
דיין לעבן איז פאַרשפּילט, איך קאָן דיך טויטן,
און זע, איך גיב דיין גורל אָפּ גענעדיק
און דיינע אייגינע קונסט-געניטע הענט.
דער קאָן זיך ניט באַקלאָגן אויף דעם שווערן גזר,
ווער ס׳איז באַשטימט אַלס מייסטער פון זיין גורל.
דו רימסט זיך מיט דיין זיכער בליק — איז גוט.
דער ציל איז ווערדיק, און דער פּרייז איז גרויס.
אין פּינטל פון אַ רעמל טרעפן קאָן

אויך יעדער אַנדער׳ער; דער איז מיר אַ מייסטער,
וועד זיכער אין זיין קונסט איז אויטעטום,
און ס׳הערשט זיין האַרץ ניט איבער האַנט און אויג.

וואַלטער פירשט

פאַלט פאַר אים צו דער ערד:

האַר לאַנדפאָגט! מיר דערקענען אייער הויכהייט,
נאָר ברויכט די מידה פון רחמנות, נעמט
אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן, נעמט אינגאַנצן!
נאָר ברענגט קיין פאָטער ניט צו אַזאַ שרעק!

וואַלטער טעל:

אָ, זיידע, קני ניט פאַר דעם פאַלשן מענטשן.
זאָגט נאָר, וואו שטיין זאָל איך, איך שרעק מיך ניט.
דער פאָטער טרעפט אַ פויגל אינם פליען,
וועט ער זיין קינד אין האַרצן שוין ניט טרעפן!

שטאַופאַכער:

האַר לאַנדפאָגט! רירט אייך ניט דעם יינגלס אומשולד?

רעסעלמאַן:

געדענקט נאָר, אַז אין הימל זיצט אַ גאָט,
וואָס ט׳חשבון פאָדערן פאַר אייערע מעשים.

געסלער

ווייזט אָן אויף דעם יינגל:

בינדט צו דער ליפע דאָרט אים צו!

וואַלטער טעל:

ניט בינדן!
ניין, כ׳וויל ניט צוגעבונדן זיין. איך וועל
שוין שטיל שטיין, ווי אַ שעפּס, און אויך ניט אָטעמען,
און אויב איר בינדט מיך — ניין, דאַן קאָן איך עס ניט,
איך וועל מיך דעמאָלט רייסן פון די שטריק.

האַראַס:

די אויגן לאָז זיך נאָר פאַרבינדן, יינגל!

וואַלטער טעל:

פאַרוואָס די אויגן? מיינט איר, אַז מיך ש־עקט
די פייל פון פאָטערס האַנט? איך וועל זי פעסט
דערוואַרטן און ניט רירן מיט קיין ברעם.
נו, ווייז זיי, פאָטער, אַז דו ביסט אַ יעגער!
ער גלויבט דיר ניט, ער מיינט צו טאָן אונז שלעכטס —
דעם רשע אויף צולאָכעס שיס און טרעף.

ער גייט צו דער ליפע; מען לייגט אים אַרויף דעם עפל אויפן קאָפּ.

מעלכטאַל

צו די לאַנדסלייט:

זאָל די נבלה פאַרקומען
פאַר אונז אין ד'אויגן? און די שבועה אונזערע?

שטאַופאַכער:

דאָס איז אומזיסט, מיר האָבן קיין געווער ניט,
איר זעט דעם וואַלד פון שפּיזן אַרום אונז?

מעלכטאַל:

אָ, ווען מיר לייגן אונזער זאַך ניט אָפּ!
זאָל גאָט אונז פאַר דאָס אָפּלייגן ניט שטראָפן.

געסלער

צו טעלן:

הייב אָן! מען טראָגט ניט וואָפן גלאַט אומזיסט.
ס'איז אַ סכנה מאָרד־געווער צו טראָגן,
און אויף דעם יעגער פליט די פייל צוריק.
אַזאַ־אָ רעכט, וואָס ס'נעמט דער פויער זיך,
באַליידיקט שטאַרק דעם העכסטן האַר פון לאַנד.
ס'זאָל קיינער זיין באַוואָפנט, חוץ די הערשער.
געפעלט אייך זשע צו טראָגן פייל און בויגן —
רעכט, דאַן וועל איך אַ ציל פאַר זיי אייך געבן.

טעל

צים אָן דעם בויגן און לייגט דערויף די פייל:

באַפרייט דעם אָרט, מאַכט פּלאַץ!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

ווי, טעל? איר ווילט טאַקע — נאָר וואַרט — איר ציטערט,
עס טרייסלט זיך די האַנט, די קני בייגט זיך —

ט ע ל

לאָזט אַראָפּ דעם בויגן:

מיר שווינדלט אין די אויגן.

ו ו י י ב ע ר:

נאָט אין הימל!

ט ע ל

צום לאַנדפאָגט:

באַפרייט מיך פון דעם שאָס. אָט איז מיין האַרץ —

עפנט אָפ די ברוסט.

רופט אייערע זעלנער, זאָלן זיי מיך שטעכן.

ג ע ס ל ע ר:

איך דאַרף דיין לעבן ניט, איך דאַרף דיין שאָס.
דו קענסט דאָך אַלץ, טעל, האָסט פאַר גאָרנישט מורא,
און דו באַהערשט דעם רודער, ווי דעם בויגן.
דיר שטערט קיין שטורעם ניט צו רעטן מענטשן,
איצט, אַלגעמיינער רעטער, העלף זיך זעלבסט.

טעל שטייט אין שרעקלעכן קאַמף, ווענדנדיק די אימרויִקע אויגן אַמאָל צו דעם פאָגט, אַמאָל צום הימל. פּלוצלונג כאַפּט ער דאָס פייל-טאַש, נעמט אַרויס אַ צווייטע פייל און פאַרשטעקט זי אונטערן לייבל אויף דער ברוסט. דער לאַנדפאָגט באַמערקט אַלע זיינע באַוועגונגען.

ו ו אַ ל ט ע ר ט ע ל

אונטער דער ליפּע:

פאָטער! שיס ניכער, כ'האָב ניט מורא.

ט ע ל:

זאָל זיין!

ער נעמט זיך אָן מיט כוח און לייגט אָן די פייל אויפן בויגן.

ר ו ד ע נ ק

וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין שטאַרקער אָנשטרענגונג און מיט כח איינגעהאַלטן זיך, טרעט אויס אַרויס:

האר לאַנדפאָגט! ווייטער וועט איר עס ניט לאָזן —
איר וועט עס ניט — ס׳איז נאָר אַ פרווו געוועזן —
דעם ציל האָט איר דערגרייכט — צו ווייט פאַרגאַנגען —
די שטרענגקייט מוז דעם ווייזן ציל פאַרפעלן,
און צופיל אָנגעצויגן — פלאַצט דער בויגן.

ג ע ס ל ע ר:

שווייגט, ווען מען פרעגט אייך ניט.

ר ו ד ע נ ק:

ניין, איך וועל ריידן,
איך מוז! דעם קיניגס כבוד איז מיר הייליק,
דאָך אַזאַ הערשן קאָן נאָר שנאה וועקן.
דעם קיניגס ווילן איז עס ניט, כ׳מוז זאָגן,
אַזאַ אַכזריות האָט נאָך ניט פאַרדינט
מיין פאָלק; איר האָט דערויף ניט קיין שום פולמאַכט.

ג ע ס ל ע ר:

איר האָט די העזה!

ר ו ד ע נ ק:

איך האָב שטיל געשוויגן
אויף אַלדאָס בייז, וואָס כ׳האָב מיך אָנגעזען,
איך האָב אויף אַלץ די אויגן צוגעמאַכט;
מיין איבערפולטע און צעקאָכטע האַרץ
האָב איך ביי זיך אין בוזעם שטייף פאַרדריקט,
נאָר לענגער שווייגן, וואָלט געווען פאַרראַט
גלייך קעגן פאָטערלאַנד, ווי קעגן קייזער.

ב ע ר ט אַ

וואַרפט זיך צווישן אים און דעם לאַנדפאָגט:

אָ, גאָט, איר רייצט נאָך דעם צערייצטן מער!

רודענק:

מיין פאָלק האָב איך פאַרלאָזט, פון מיינע קרובים
אַנטזאַגט זיך, יעדן בונד פון דער נאַטור
צעריסן, כדי אָן אײַך זיך אָנצושליסן;
איך האָב געגלויבט, אַז כ׳וועל דאָס בעסטע טאָן,
ווען איך באַפעסטיק דאָ דעם קייזערס מאַכט —
איצט זיינען מיינע אויגן אָפן, כ׳זע
מיט שוידער, אַז מען פירט מיך צו אַן אָפּגרונט —
מיין פרייען שכל האָט איר מיר פאַרפינסטערט,
מיין ערלעך האַרץ פאַרפירט, כ׳בין גרייט געוועז,
ניט זעענדיק דאָס שלעכטס, מיין פאָלק פאַרדאַרבן!

געסלער:

מחוצף! אַזוי רעדסטו מיט דיין האַר?

רודענץ:

דער קייזער איז מיין האַר, ניט איר. כ׳בין פריי,
ווי איר, געבוירן, און איך שטיי ניט אָפּ
פון אײַך אין אַלע ריטערלעכע מידות.
און זיצט איר ניט ביי אונז אין קייזערס נאָמען,
וואָס איך פאַרער, אַפילו ווען מען שענדט אים,
וואָלט איך מיין הענטשקע אײַך געוואָרפן, ר׳וואָלט מיר
לויט ריטערלעכן מנהג ענטפער געבן.
יאָ, ווינקט צו אייערע סאָלדאַטן, כ׳שטיי ניט
געווערלאָז, ווי אַט-די.
ווייזט אָן איפן ־ולם.
איך האָב אַ שווערד,
און ווער ס׳גייט צו...

שטאַופאַכער
שרייט:

דער עפּל איז אַראָפּגעפאַלן!

אינדערצייט, ווען אַלע האָבן געווענדט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער זייט, און בערטאַ האָט זיך געוואָרפן צווישן דעם לאַנדפאָגט און רודענצן, האָט טעל די פייל אַרויסגעלאָזן.

ר ע ס ע ל מ אַ ן:

דער יינגל לעבט!

פ י ל ש ט י מ ע ן:

דער עפּל איז אַראָפּגעפאַלן!

וואַלטער פירשט טוט זיך אַ וואַקל, האַלט ביים פאַלן, בערטאַ האַלט אים צו.

ג ע ס ל ע ר

פאַרוואונדערט:

ער האָט געשאָסן, דער משוגענער!

ב ע ר ט אַ:

דער יינגל לעבט, קומט צו זיך, גוטער פאָטער!

וו אַ ל ט ע ר ט ע ל

לויפט צו מיטן עפּל:

פאָטער, אָט איז דער עפּל! כ'האָב געוואוסט,

אַז דו'סט ניט טאָן קיין שלעכטס דיין יינגל!

טעל שטייט אַנגעבויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן אַלאָז טאָ נאָך דער פייל. דער בויגן פאַלט אַרויס פון זיין האַנט; ווען ער זעט, ווי דער יינגל לויפט צו אים, איילט ער אים אַנטקעגן מיט צעשפּרייטע אָרעמס, און הייבט אים אויף אַ צערודערטער. אין אַזאַ לאַגע לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף דער ערד. אַלע שטייען גערירט.

ב ע ר ט אַ:

גנעדיקער הימל!

וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט

צו פאָטער און זון:

קינדער! מיינע קינדער!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

אָ, דאַנקען גאָט!

ל י י ט ה אָ ל ד:

דאָס איז אַ שאָס! פון דעם

וועט מען נאָך ריידן אין די שפּעטסטע צייטן.

רודאָלף האַראַס:

מען וועט דערציילן וועגן יענער טעל,
ווי־לאַנג די בערג שטיין וועלן אויפֿן אָרט.

דערלאַנגט דעם לאַנדפאָגט דעם עפּל.

געסלער:

ביי גאָט! דעם עפּל טאַקע דורכגעשאָסן!
דאָס איז אַ מייסטער־שאָס, איך מוז אַם לויבן.

רעסעלמאַן:

דער שאָס איז גוט, נאָר ווי צו דעם, וואָס ס'איס
געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל פּרוּוון גאָט.

שטאַופאַכער:

קומט צו־זיך, טעל! שטייט אויף, ר'האָט מוטיק זיך
באַפרייט, און גיין אַהיים פריי קאָנט איר איצט.

רעסעלמאַן:

קומט, קומט, און ברענגט דער מוטער אָט איר זון.

זיי ווילן אים אַוועקפירן.

געסלער:

טעל! הער נאָר!

טעל

גייט צוריק:

וואָס באַפעלט איר, האַר?

געסלער:

דו האָסט
אַ צווייטע פייל זיך צוגעגרייט, יאָ, יאָ,
איך האָב געזען — צו וואָס האָסטו'ס געטאָן?

טעל

פאַרלעגן:

האַר, אַזאַ מנהג איז עס ביי די יעגער.

געסלער:

ניין, טעל, איך נעם פון דיר ניט אָן דעם ענטפער.

דאָס האָט מסתּם אַן אַנדערע באַדײַטונג.
דעם אמת זאָג מיר לעבעדיק און פריילעך,
וואָס ס'זאָל ניט זיין — דיין לעבן זיכער איך דיר —
צו וואָס די צווייטע פייל?

טעל:

איז רעכט, מיין האַר.
דערפאַר וואָס איר פאַרזיכערט מיר מיין לעבן.
וועל איך אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת.

ער נעמט אַרויס די פייל פון דער טאַש און קוקט מיט אַ שרעקלעכן בליק אויפן לאַנדפאָגט.

מיט אָט־דער פייל וואָלט איך דערשאָסן — אַ י י ך,
ווען איך וואָלט טרעפן אין מיין ליבן קינד —
און אייך וואָלט איך שוין זיכער פונקט געטראָפן...

געסלער:

גוט, טעל, דאָס לעבן האָב איך דיר געזיכערט,
איך האָב מיין ריטערוואָרט דערויף געגעבן.
נאָר וויל איך האָב דיין בייזן מיין פאַרשטאַנען,
וועל איך דיך נעמען און באַהאַלטן דאָרט,
וואו וועסט ניט זען קיין טאָג און נאַכט,
כּדי איך זאָל זיכער זיין פאַר דיינע פיילן.
נו, נעמט אים, קנעכט, און בינדט אים!

טעל ווערט געבונדן.

שטאַופאַכער:

ווי, מיין האַר!
איר קאָנט אַזוי באַגיין זיך מיט אַ מענטשן,
וואָס גאָט האָט אָפן אים אַ נס געטאָן?

געסלער:

ב'וועל זען, צי וועט דער נס אים צוויי מאָל טרעפן.
איצט ברענגט אים אויף מיין שיף, גלייך קום איך אויך.
איך וויל אַליין אים אָפּפירן קיין קיסלאַנד.

ר ע ט ע ל מ אַ ן:

איר טאָרט ע׳ה ניט, דאָס טאָר דער קייזער ניט,
דאָס איז אַנטקעגן אונז׳רע פרייהייטס=בריוו.

ג ע ס ל ע ר:

וואו זיינען זיי? דער קייזער ט׳זיי באַשטעטיקט?
ער האָט זיי ניט באַשטעטיקט, אַזאַ חסד
מוז ערשט דערוואָרבן ווערן דורך געטרייהייט.
און איר זייט מורדים קעגן קייזערס משפט,
איר טראַכט אין האַרצן וועגן פרעכע בונטן
איך קען אייך גוט און זע אויף דורך און דורך.
דעם נעם איך איצט אַרויס פון אייער סביבה,
נאָר שותּפים אַלע זייט איר אין זיין שולד.
ווער קלוג איז — זאָל ער שווייגן און געהאָרכן.

ער גייט אַוועק. בערטאַ, רודענץ, האַראַס און די קנעכט גייען נאָך אים. פריסהאַרט און לייטהאָלד בלייבן.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט

מיט ווייטאָג:

פאַרפאַלן, ער האָט שוין באַשלאָסן, מיך
מיט מיין געזינד אינגאַנצן צו פאַרדאַרבן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר

צו טעל:

צו וואָס האָסטו געדאַרפט דעם רשע רייצן?

ט ע ל

זאָל איינהאַלטן זיך, ווער עס ליידט, ווי איך לייד.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

אָ, איצט איז אַלץ פאַרלאָרן, אַלץ! מיר זיינען
מיט אייך געבונדן און פאַרקאָוועט אַלע.

ל אַ נ ד ס ל י י ט

רינגלען אַרום טעלן:

מיט אייך גייט אונזער לעצטע טרייסט אַוועק!

ל י י ט ה אָ ל ד

גיים צו:

טעל! ס'טוט מיר לייד, אָבער איך מוז דאָך פאָלגן!

ט ע ל:

זיי געזונט!

ו ו אַ ל ט ע ר ט ע ל

טוליענדיק זיך צו אים מיט שטאַרקן וויטאָג:

אָ, פאָטער, פאָטער, ליבער פאָטער!

ט ע ל

הייבט אויף די הענט צום הימל:

דיין פאָטער איז דאָרט, אויבן. רוף צו אים.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

טעל! זאָגט, וואָס זאָל איך זאָגן אַייער ווייב?

ט ע ל

הייבט אויף דעם יינגל און דריקט אים צו זיין ברוסט:

דאָס קינד איז גאַנץ, און מיר וועט העלפן גאָט.

קערט זיך שנעל צו און גייט נאָך די זעלנער.

פערטער אַקט

ערשטע סצענע

דער מזרח־ברעג פון דער פירוואַלדשטעטער אָזערע.
הויכע פעלזן פון משונהדיקע פאָרמעס שליסן די פערספעקטיוו.
די אָזערע בוואַליעט זיך. עס הערט זיך אַ שטאַרק רוישן און שלאָגן
אָן די ברעגן, אויסגעמישט מיט דונערן און בליצן.
קונץ פון גערזאַו, דער פישער און זיין יינגל.

ק ו נ ץ:

מיט מיינע אויגן דאָס געזען, איר מעגט מיר גלויבן,
ס'איז אַלץ אַזוי געשען, ווי איך דערצייל אײַך.

פ י ש ע ר:

איז טעל געפאַנגען, אָפּגעפירט קיין קיסנאַכט —
דער בעסטער מענטש אין לאַנד, די דרייסטסטע האַנט,
וואָס וואָלט אַמאָל געקאָנט דער פרייהייט דינען!

ק ו נ ץ:

דער לאַנדפאָגט פירט אַליין אים אָפּ אין שיפל.
ווי האָבן זיך געגרייט אַרויסצופאָרן,
ווען איך האָב פליועלען פאַרלאָזן, נאָר
דער שטורעם, וועלכער הייבט זיך אָן, און ט'מיך
געצוואונגען ניכער דאָ אַרויסצושטייגן,
האָט אפשר זייער אָפּפאָרן פאַרהאַלטן.

פ י ש ע ר:

איז טעל אין קייטן, אין די הענט בײַם פאָגט.
אָ, גלויבט, ער וועט אים טיף גענוג באַגראָבן,
ער זאָל די שיין פון טאָג ניט ווידער זען.
דען מורא האָבן דאַרף ער פאַר נקמה
פון פרייען מאַן, וואָס ער האָט שווער באַליידיקט.

ק ו נ ץ:

מען זאָגט נאָך: דער לאַנדאַמאַן אַלטער,
דער אייד'לער אַטינגהויזען האַלט בײַם שטאַרבן.

פ י ש ע ר:

פלאַצט אויב אַזוי שוין אונזער לעצטע האָפנונג.

דער איינציקער איז ער, וואָס האָט זיין שטים
נאָך אויפגעהויבן פאַר דאָס רעכט פון פאָלק.

קונץ:

דער שטורעם נעמט זיך שטאַרקן. זייט געזונט!
און איך וועל נעכטיקן אין דאָרף, דען היינט
קאָן שוין פון אָפּפאָרן קיין רייד ניט זיין.

גייט אַוועק.

פישער:

איז טעל געפאַנגען, אַטינגהויזן — טויט!
הייב אויף דיין פרעכן שטערן, טיראַניי!
וואַרף יעדע בושה אָפּ! דאָס מויל פון אמת
איז שטום, דאָס אויג וואָס האָט געזען — איז בלינד,
די האַנט, וואָס רעטן האָט געוואָלט — אין קייטן.

יינגל:

עס האָגלט, לאָמיר, פאָטער, גיין אין שטוב,
ס'איז ניט באַקוועם אין דרויסן דאָ צו בלייבן.

פישער:

אָ, ווינטן! שטורעמט! פלאַמט אַראָפּ, איר בליצן!
צעפּלאַצט, איר וואָלקנס! גיסט אַרונטער, שטראָמען,
פון הימל און פאַרוויסט דאָס לאַנד! צעשטערט
דעם אויפשפּראָץ פון די שפּעטערדיקע דורות,
סטיכיעס ווילדע, און באַהערשט די וועלט!
אָ, בערן, וועלף, אַהער קומט ווידער אין
דער גרויסער וויסטעניש, צו אייך געהערט דאָס לאַנד!
ווער וועט דען וועלן לעבן דאָ אָן פרייהייט!

יינגל:

הערט, ווי דער אָפּגרונט רוישט, דער ווירבל רעוועט,
אַזוי ט'נאָך קיינמאָל ניט דער טייך געשטורעמט.

פישער:

צו צילן אין דעם קאָפּ פון איינן קינד!

דערצו האָט מען נאָך ניט גענייט קיין פּאַטער!
און די נאַטור זאָל ניט אין ווילדן כעס
צעקאָכן זיך דערויף? ס׳זאָל מיך ניט וואונדערן,
אויב ס׳קניען באַלד די פעלזן צו דעם טייך;
אויב יענע טורעמס שפּיציקע פון אײַז,
וואָס האָבן ניט געטויט פון בראשית אָן,
צערינען וועלן איצטער אויף די הייכן,
די בערג — צעפאַלן, און די אַלטע שפּאַלטן —
צעשיטן זיך; אויב ס׳וועט אַ צווייטער מבול
פאַרשלינגען אַלץ, וואָס לעבט איצט אויף דער ערד.

עס הערט זיך אַ קלינגען.

יונגל:

איר הערט, מען קלינגט דאָרט אויבן אויפן באַרג, —
מסתמא זעט מען טרינקען זיך אַ שיף, —
און מ׳קלינגט אין גלאָק, מען זאָל מתפּלל זיין.

שטייגט אַרויף אויף אַ הויכעניש.

פישער:

אַז ווי איז צו דער שיף, וואָס אונטערוועגס
איצט ווינט זיך אין דער מוראדיקער וויג!
אומזיסט דער רודער און דער רודערער.
ס׳איז שטורעם — מייסטער. ווינט און כוואַליעס באַל
מיט מענטשן שפּילן. נאָענט און ווייט איז דאָ
ניטאָ קיין בוזים, וואָס זאָל פריינדלעך שיצן.
עס קוקן, גלאַט און שטײַל זיך הייבנדיק,
די פעלזן די אומהיימלעכע אַנטקעגן
און ווייזן בלויז די שטײַלע ברוסט פון שטיין.

יונגל

באַווייזט לינקס:

פּאַטער! אַ שיף! זי גייט פון פליועלען!

פישער:

זאָל גאָט איר העלפן! ווען עס איז דער שטורעם

אין דעם־אָ וואַסערשפּאַלט אַרייַנגעפֿאַלן,
דאַן רייסט ער זיך מיט פּחד פֿון אַרויב־טיר,
וואָס ברעכט די אײַזנשטאַבן פֿון דער שטייג,
און, וואַיענדיק, אַן אויסגאַנג זוכט אומזיסט,
ווייל ס׳דריקן אים פֿון אַלע זייטן פֿעלזן,
וועלכע דעם שמאָלן הימלפּאַס פֿאַרשטעלן.

ער שטייגט אַרויף אויף דער הויכבעניש.

י י נ ג ל :

דאָס איז די שיף פֿון האַר פֿון אורי, פֿאָטער!
כ׳דערקען׳ס אָן רויטן דאַך און אָן דער פֿאָן.

פ י ש ע ר :

געבענטשער גאָט! ס׳איז ער טאַקע אַליין,
דער לאַנדפֿאָגט, וואָס דאָ פֿאָרט. ער שווימט עס דאָרט,
און זיין פֿאַרברעכן פֿירט ער מיט זיך מיט.
אָ, גיך האָט אים דערגרייכט די האַנט פֿון נוקם,
איצט קען ער איבער זיך דעם שטאַרקן האַר.
די כוואַליעס לייגן אויף זיין שטים קיין אַכט ניט,
די פֿעלזן טוען פֿאַר זיין הוט די קעפּ
ניט בויגן... הער נאָר, יינגל, בעט ניט גאָט,
ניט כאַפּ דעם ריכטער פֿאַרן אָרעם.

י י נ ג ל :

איך בעט ניט פֿאַרן לאַנדפֿאָגט, איך בעט
פֿאַר טעלן, וואָס געפֿינט זיך אויך אין שיף.

פ י ש ע ר :

אָ, אומפֿאַרשטאַנד פֿון בלינדן גורל!
בכדי איין שולדיקן צו טרעפֿן, מוזטו
די גאַנצע שיף מיט אַלעמען פֿאַרדאַרבן?

י י נ ג ל :

זע, זע! זיי זיינען גליקלעך שוין אַדורך
לעם בוגיסגראַט, אָבער די קראַפֿט פֿון שטורעם,

וואָס פונט טייפלסמינסטער טרייבט אַנטקעגן,
צום גרויסן אַקסענבערג וואַרפט זיי צוריק —
איך זע זיי מער ניט...

פ י ש ע ר:

דאָרט איז דאָס האַקמעסער,
וואו פילע שיפן זיינען שוין דערטרונקען.
ווען זיי באַווייזן ניט זיך אָפּצוקערן,
דאַן וועט די שיף צעהאַקט ווערן אָן שטיין,
וואָס לאָזט זיך גלייך אַראָפּ פון ברעג אין וואַסער.
זיי האָבן דאָרט אַ גוטן רודערער
מיט זיך. קאָן ווער זיי רעטן — איז עס טעל.
נאָר ער האָט הענט און פיס געשמידט אין קייטן.

ווילהעלם טעל מיטן בויגן אין די הענט.

ער קומט אָן מיט גיכע טריט, קוקט זיך אַרום פאַרוואונדערט, מיט ראַ-שיקע באַוועגונגען. ווען ער דערגייט ביזן מיטן סצענע, פאַלט ער מיט די הענט צו דער ערד, דערנאָך שפּרייט ער זיי אויס צום הימל.

י י נ ג ל

באַמערקט אים:

זע, פאָטער, ווער עס שטייט דאָרט אויף די קני!

פ י ש ע ר:

גלייך ווי ער כאַפּט די ערד אָן מיט די הענט,
און ער איז, דאַכט זיך, אויסער זיך.

י י נ ג ל

גייט צו נעענטער

וואָס זע איך! פאָטער, פאָטער, טו אַ בליק!

פ י ש ע ר

גייט צו נעענטער:

ווער איז עס? גאָט אין הימל! ס'איז דאָך טעל!
אַהער ווי קומט איר? זאָגט זשע!

י י נ ג ל:

זייט איר ניט
עפּאַנגען און געשמידט געווען אין שיף דאָרט?

פ י ש ע ר:

מען פירט אײַך דען קיין קיסמאַכט ניט אַוועק?

ט ע ל

שטייט אויף:

איך בין באַפרייט..

פ י ש ע ר און י י נ ג ל:

באַפרייט? אָ, גרויסע וואונדער

י י נ ג ל:

פונוואַנען קומט איר?

ט ע ל:

ב׳קום פון דאָרט, פון שיף.

פ י ש ע ר:

ווי?

י י נ ג ל

אין דערזעלביקער צייט:

דער לאַנדפאָגט וואו איז?

ט ע ל:

אויף די כוואַליעס וואַרפט אים.

פ י ש ע ר:

איז׳ס מעגלעך? אָבער איר ווי קומט אַהער,

דערלייזט פון קייטן און פון שטורעמווינט?

ט ע ל:

דורך גאָטס גענעדיקער השגחה. הערט אויס...

פ י ש ע ר און י י נ ג ל:

דערציילט אונז גיכער!

ט ע ל:

וואָס אין אַלטאָרף איז

געשען — דאָס ווייסט איר?

פֿ י ש ע ר:

כ'ווייס שוין אַלץ, דערציילט!

ט ע ל:

ווען ס'האָט דער לאַנד־אַגענט מיך געלאָזן בינדן
און אין זיין פֿעסטונג קיסנאַכט איבערפֿירן —

פֿ י ש ע ר:

און זיך אַליין אין כּליועלען מיט אײַך אין שיף
געזעצט — מיר ווייסן עס — דערציילט וואָס ווייטער.

ט ע ל:

ליג איך אין שיף, מיט שטריק געבונדן פֿעסט,
אָן הילף, אָן איינזאַמער, איך האָף שוין ניט
די זון די פֿריידיקע נאָך ווען צו זען,
די פּנימער פֿון ווייב און קינדער אָנצובליקן,
און טרייסטלאָז קוק איך אין די וואַסער־וויסטעס.

פֿ י ש ע ר:

אָ, נעבעך!

פֿאָרן מיר אַזוי אַלץ ווייטער,
דער פֿאָגט און רודאָלף האַראַס און די קנעכט.
מיין פֿײַלנטאַש און בויגן אָבער ליגן
ביים שיף־ראַנד הינטן לעבן שטייער־רודער.
און ווען מיר האָבן אָנגעגרייכט צום עק
פֿון קליינעם אַקסען, האָט עס גאָט געמאַכט,
עס זאָל אַזאַ אַ שרעקלעכער געוויטער
פֿון גאָטהאַרדס אָפּגרונטן אַרויסרייסן זיך,
אַז ס'האָט די רודערער אַ שרעק באַהערשט.
זיי האָבן שוין געריכט זיך ניין צום גרונט.
ערשט איך דערהער, ווי איינער אַ באַדינער
צום לאַנדפֿאָגט ווענדט זיך מיט אַזעלכע ווערטער:
„איר זעט דאָך אייער אומגליק, האַר, און אונזערס,
אַז אַלע שוועבן מיר ביים ראַנד פֿון טויט.

עס ווייסן אָבער נישט די שיף־פירער
אויס מורא, וואָס צו טאָן, באַהאַלטנס קנאַפּ
אין וועג. פאַראַן דאָ אָבער טעל, ער איז
אַ שטאַרקער מאַן און ווייס אַ שיף צו פירן.
טאָ זאָלן מיר אים אויסניצן אין נויט?"
זאָגט דאַן דער פאָגט צו מיר: „טעל, אויב דו מיינסט,
אַז דו'סט אונז קענען מציל זיין פון שטורעם, —
וועל איך דיך פון די שטריק באַפרייען גלייך".
האָב איך געזאָגט: „מיט גאָטס הילף, יאָ, מיין האַר,
איך נעם מיך אָן צו ראַטן אייך פונדאַנען".
מען בינדט מיך גלייך פונאַנדער, איך שטעל מיך
ביים שטייער־רודער און איך פיר די שיף.
נאָר כ'קוק בגנבה, וואו מיין בויגן ליגט,
און זוך מיר צו באַמערקן ביי דעם ברעג
אַן אָרט, וואו אויף אַ שטיין אַרויסצושפּרינגען.
און איך דערזע אַ פעלזנשטיק אַ פלאַטשיקס,
וואָס לאָזט זיך צו דער אָזערע אַראָפּ — —

פישער:

איך ווייס — צופוסן ביי דעם גרויסן אַקסען.
איך מיין נאָר, אַז ס'איז אוממעגלעך פון שיף
אויף אים צו שפּרינגען, שטייל אַזוי איז ער.

טעל:

כ'פאַרזאָג די קנעכט, זיי זאָלן זיך גוט סטאַרען,
ביז ס'וועט די שיף דעם פלאַטשיק פעלז אויסמיידן,
דאַן, — זאָג איך, — איז דאָס ערגסטע שוין פאַרביי.
מיר האָבן אים שנעל־טרייבנדיק דערגרייכט.
איך זאָג צו גאָט אַ תפילה, און איך יאָג,
מיט אַלע מיינע כוחות אָנגעשטרענגט זיך,
דעם הינטער־עק פון שיף צום פעלזן גלייך;
כאַפּ שנעל מיין פייל און בויגן און איך טו
אַ הויכן שפּרונג אַריבער אויף דעם שטיין,

און מיט אַ שטאַרקן שטופּ פון פוס אויף הינטער
פאַרשטויס איך ס'שיפל אין דעם וואַסער־אָפּגרונט.
זאָל'ס דאָרט, ווי גאָט וויל, אויף די כוואַליעס שווימען!
איצט בין איך דאָ באַפרייט פון שטורעמס קראַפט,
און פון די מענטשנס רשעות אויסדערלייזט.

פּ י ש ע ר:
טעל! טעל! באַשיינפּערלעך האָט גאָט אַ נס
מיט אייך געטאָן, איך גלויב קוים מיינע אויגן.
נאָר זאָגט מיר, וואו דענקט איר זיך הינטאָן איצט?
דען אייער לעבן איז ניט זיכער, אויב
ס'וועט לעבעדיק אַרויס דער פאָגט פון שטורעם.

ט ע ל:
אין שיף געבונדן נאָך, האָב איך געהערט,
אַז אויסשטייגן וויל ער אין ברוּנען
און איבער שוויץ מיך אין זיין פעסטונג פירן.

פּ י ש ע ר:
אַהין גיין וויל ער מיט דער טריקעניש?

ט ע ל:
יאָ.

פּ י ש ע ר:
טאָ באַהאַלט זיך תיכף־ומיד.
ס'וועט צוויי מאָל פון זיין האַנט אייך גאָט ניט העלפן.

ט ע ל:
זאָגט מיר דעם נענטסטן וועג קיין אַרט און קיסנאַכט.

פּ י ש ע ר:
עס ציט דער גרויסער שליאַך זיך איבער שטייגען.
אַ וועג אָבער פיל קירצער און געהיימער
וועט אייך מיין זון באַווייזן איבער לאָווערק.

טעל
גיט איט די האַנט:

אַ דאַנק פאַר אייער גוטסקייט. זייט געזונט!

גייט אַוועק און קערט זיך אום צוריק.

האָט איר אין ריטלי ניט געשוואָרן? דאכט זיך,
מען האָט מיר אייער נאָמען אָנגערופן.

פישער:

ווי דען, געשוואָרן טריי זיין צו דעם בונד

טעל:

טאָ אײַלט קיין בירגלען — טוט די טובה מיר.
מיין ווייב איז אומרויק, צו וויסן ניט איר,
אַז איך בין אויף דער פריי און גוט באַהאַלטן.

פישער:

וואוהין זייט איר אַנטלאָפן, זאָל איך זאָגן?

טעל:

איר וועט ביי איר מיין שווער געפינען
און נאָך, וואָס האָבן צו דעם בונד געשוואָרן —
זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך,
דען טעל איז פריי, און פריי איז אויך זיין אָרעם.
אינגיכן וועלן זיי פון מיר נאָך הערן.

פישער:

וואָס האָט איר פאַר רעיונות, זאָגט מיר אויס.

טעל:

ווען ס'וועט זיין געטאָן, וועט מען דערפון שוין ריידן.

גייט אָפּ.

פישער:

ווייז, יעני, אים דעם וועג. זאָל גאָט אים בייטיין!
ער וועט שוין אויספירן, וואָס ער פאַרטראַכט.

גייט אָפּ.

צווייטע סצענע

אַ פריצישער זאַל אין פּעטערבורג.

ער באַראָן אין אַ פאָטעל, גוססט, וואַלטער פירשט, שטאַופאַכער, מעלכטאַל און בוימגאַרטען פאַרזאַמלט

אַרום אים. וואַלטער טעל איף די קני פאַר אים.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

ס׳איז שוין נאָך אַלעמען, ער איז פאַרביי.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר :

ער ליגט ניט ווי קיין טויטער, זע, די פעדער
באַוועגט זיך ביי די ליפּן, רויִק איז
זיין שלאָף און פרידלעך שמייכלט זיין געזיכט.

בוימגאַרטען גייט צו צו דער טיר און רעדט מיט עמעצן.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט

צו בוימגאַרטען :

ווער איז?

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן

קערט זיך אום :

פרוי העדוויג אייער טאָכטער איז׳ס.
מיט אייך וויל ריידן, וויל דעם יינגל זען.

וואַלטער טעל הייבט זיך אויף.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

איך קאָן זי טרייסטן? כ׳האָב דען טרייסט אַליין?
עס פאַלן אַלע צרות אויף מיין קאָפּ!

ה ע ד ו ו י ג

אַריינדרינגענדיק :

מיין קינד וואו איז? לאָזט מיך, איך מוז עס זען!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר :

שטאַרקט זיך. געדענקט : איר זייט אין הויז פון טויט.

ה ע ד ו ו י ג

וואַרפט זיך צום קינד

מיין וואַלטי! אָ, ער לעבט מיר!

ו ו אַ ל ט ע ר ט ע ל

נעמט זי אַרום:

אָרעמע מוטער!

ה ע ד ו ו י ג:

איז דאָס אַן אמת? ביסט מיר ניט געשעדיקט?

באַטראַכט אים מיט מורא און זאָרג.

איז'ס מענלעך? ער האָט טאַקע אין דיר געצילט?
ער האָט'ס געקענט! וואו איז זיין האַרץ? געוואַגט
די פייל צו שיסן אין זיין אייגן קינד!

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

ער האָט'ס געטאָן מיט שרעק, מיט ווייטאָג אין נשמה,
געצוואונגען דורך דער אימה פאַרן טויט.

ה ע ד ו ו י ג:

אָ, ווען ער האָט אַ פאָטערס האַרץ, וואָלט ער
געשטאָרבן בעסער טויזנט מאָל, ווי טאָן עס!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

דאַנקט בעסער אייער גאָט, וואָס דאָס האָט זיך
אַזוי געענדיקט גוט.

ה ע ד ו ו י ג:

קאָן איך פאַרגעסן
ווי ס'וואָלט געקענט זיין? גרויסער גאָט אין הימל!
כ'זאָל לעבן אכציק יאָר, וועל איך דאָס קינד אַלץ זען
געבונדן שטיין, דעם פאָטער אויף אים צילן,
און אַלץ ווי ס'פליט די פייל צו מיר אין האַרצן.

מ ע ל כ ט אַ ל:

פרוי! ווייסט איר, ווי דער פאָגט האָט אים געהייצט?

ה ע ד ו ו י ג:

אָ, האַרטע מענער-האַרץ! איז אייער שטאָלץ
באַליידיקט, קוקט איר שוין אויף נאָרנישט מער.
פון בלינדן צאָרן זייט איר אויף דער קאָרט
גרייט שטעלן קאָפּ פון קינד און האַרץ פון מוטער.

ב ו י מ ג אַ ר ט ע ן :

איז דען די מאָס פאַר אײַער מאַן ניט פול,
וואָס איר ניט צו איר צו נאָך אײַער פאָרוואורף?
פאַר זײַנע לײַדן האָט איר קײן געפיל ניט?

ה ע ד ו ו י ג

קערט זיך אום צו אים און קוקט אים לאַנג אָן.

דו האָסט נאָר טרערן פאַר דײַן חברס אומגליק?
געוועזן וואו זײַט איר, ווען מען האָט מײַן מאַן
געבונדן? וואו איז אײַער הילף געוועזן?
איר האָט דערלאָזט געדולדיק, אײַער פרײַנט
זאָל מען אַוועקנעמען פון אײַך. האָט טעל
אַזוי אויך אײַך באַהאַנדלט? ער האָט
באַדויערט בלויז, ווען ס'האָבן דיך געיאָגט
דעם לאַנדפאָגטס רײַטער, ווען די אָזערע
ט'פאַר דיר געשטורעמט? ניט מיט פוסטע טרערן
האָט ער געקלאָגט, ער איז אין תהום געשפרונגען,
פאַרגעסן ווײַב און קינד, און דיך באַפרײַט!

ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

ווי האָבן מיר באַפרײַען אים געקענט,
אַ קלײן און אומבאַוואָפנט הײפל מענטשן!

ה ע ד ו ו י ג

פאַלט צו אים אויף דער ברוסט:

אָ, פאָטער! און אויך דו האָסט אים פאַרלאָרן,
דאָס לאַנד, מיר אַלע האָבן אים פאַרלאָרן!
ער פעלט אונז אַלעמען, מיר פעלן אים!
זאָל גאָט אים אָפּהיטן פון דער פאַרצווייפלונג.
צו אים אַראָפּ אין ווּיסטער קעלער=תּפיסה
וועט ניט דערגײן קײן טרייסט פון פרײַנד. און אויב
ער ווערט נאָר קראַנק? ער מוז דאָך קראַנק זײַן
אין פוכט פון תּפיסה! ווי די אַלפּנרויז
ווערט בלאַס און וויאַנעט אין דער לופט פון זומפּ,

אזוי ז'פאַר אים קיין לעבן ניט אָן ליכט
פון זון און אָן דעם באַלזאַמשטראָם פון לופט.
נעפאַנגען! ער! — זיין אָטעם איז די פרייהייט.
ער קאָן ניט לעבן אין דעם הויך פון קבר!

שטאַופאַכער:

באַרויקט אייך, מיר וועלן אַלע שטרעבן
זיין תפיסה אָפּצושפּעגען.

העדוויג

וואָס קאָנט איר אָן אים אויפטאָן? כל-זמן טעל
איז פריי געווען, איז נאָך אַ האָפענונג געווען,
דאַן האָט די אומשולד נאָך געהאַט אַ שיצער,
האָט אַ פאַרפאָלגטער נאָך געהאַט אַ העלפער.
ס'וואָלט אַלעמען אייך רעטן טעל — איר אַלע
צוזאַמען קאָנט ניט זיינע קייטן ברעכן.

דער באַראָן כאַפּט זיך אויף.

בוימנאַרטען:

ער וועקט זיך... שטיל!...

אַטינגהויזען

אויפהייבנדיק זיך:

וואו איז ער?

שטאַופאַכער:

ווער?

אַטינגהויזען:

ער פעלט מיר,
פאַרלאָזט מיך אין דעם לעצטן אויגנבליק...

שטאַופאַכער:

ער מיינט דעם יונקער, צי האָט געשיקט נאָך אים?

וואַלטער פירשט:

מען האָט געשיקט אים רופן, זייט געטרייסט.
ער האָט זיין האַרץ געפונען, ער איז אונזערער.

א ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

ער האָט זיין פאָטערלאַנד פאַרטיידיקט?

ש ט א ו פ אַ כ ע ר:

מיט העלדישקייט.

א ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

פאַרוואָס־זשע קומט ער ניט,
פון מיר מיין לעצטע ברכה צו באַקומען?
איך פיל, אַז נאָענט איז דער סוף מיינער.

ש ט א ו פ אַ כ ע ר:

ניט רעדט אַזוי, מיין האַר. דער קורצער שלאָף
האָט אייך דערקוויקט, און העל איז אייער בליק.

א ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

איך פיין איז לעבן, און אויך ער פאַרלאָזט מיך.
דאָס ליידן, ווי די האָפענונג, איז אויס.

באַמערקט דעם יינגל.

ווער איז דער יינגל?

וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט:

בענטשט אים, האַר מיינער.
ער איז מיין אייניקל, האָט ניט דעם פאָטער.

הערדויג צוזאַמען מיטן יינגל לאָזן זיך אַראָפּ פאַר דעם שטאַרבנדיקן אויף
די קני.

א ט י נ ג ה ו י ז ע ן:

און אָן אַ פאָטער לאָז איך אַלעמען אייך
איצט... ווי צו מיר, וואָס מיינע לעצטע בליקן
געזען האָבן פון פאָטערלאַנד דעם חורבן.
געמוזט די העכסטע מאָס פון לעבן גרייכן,
בכדי די האָפענונג אין קבר נעמען.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר

צו וואַלטער פירשט:

זאָל ער מיט דעם־אַ שווארצן טרויער שטאַרבן?

באַלייכטן מיר אים ניט די לעצטע רגע
מיט שטראַלן פון אַ נייער האָפענונג? — פרייהייט!
דערמוטיקט אייער גייסט! ניט גאָר פאַרלאָרן,
מיר זיינען ניט גאָר רעטונגסלאָז פאַרלאָרן.

אַטינגהויזען:
ווער קאָן אייך רעטן?

וואַלטער פירשט:
מיר אַליין. הערט אויס:
מיר האָבן זיך דריי לענדער אונזער וואָרט
געגעבן, צו פאַרטרייבן די טיראַנען.
געשלאָסן איז דער בונד, אַ שבועה הייליק
פאַרבינדט אונז. ס'וועט זיך אָנהייבן נאָך איידער
דאָס נייע יאָר וועט אָנפאַנגען זיין קרייז.
אייער שטויב וועט רוען אין אַ פרייען לאַנד.

אַטינגהויזען:
אָ, זאָגט מיר, איז דער בונד טאַקע געשלאָסן?

מעלכטאַל:
עס וועלן אין איין טאָג זיך אַלע דריי
וואַלדלענדער אויפהייבן. ס'איז אַלץ שוין גרייט,
און אַפּנעהיט גוט איז דער סוד ביז איצט,
הגם אים וויסן מענטשן הונדערטער.
דער באָדן פוסט איז אונטער די טיראַנען,
געציילט זיינען די טעג פון זייער הערשאַפט.
און גיך וועט גאָר פון זיי קיין שפור ניט בלייבן.

אַנטינגהויזען:
די פעסטונגען אָבער אין די מדינות...

מעלכטאַל:
זיי וועלן אַלע פאַלן אין איין טאָג.

אַנטינגהויזען:
צי נעמען אויך אין בונד די פריצים אָנטייל?

שטאַופּאַכער:
זיי וועלן צושטיין, ווען עס וועט אונז גליקן.
דערווייל האָט נאָר דער פייער צוגעשוואָרן.

אַטינגהויזען
הייבט זיך לאַנגזאַם אויף מיט גרויס פאַרוואונדערונג:
האָט דען דער פייער אויף אַזוינס דערוועגט זיך,
מיט אייג׳נע מיטלען, אָן דער הילף פון אַדל,
האָט ער זיין אייג׳נער קראַפט: זוי געט־ויט?
יאָ, דעמאָלט דאַרף מען אונז טאַקע ניט מער.
געטרייסטע קאָנען מיר אין קבר גיין.
עס לעבט נאָך אינז — דורך אַנד׳רע קרעפטן וויל
דאָס שיינע פון דער מענטשהייט קיום האָבן.

ער לייגט אַרויף די הענט אויפן קאָפּ פונם יינגל, וואָס שטייט פאַר אים אויף די קני.

פון דעם קאָפּ, וואו דער עפּל איז געלעגן,
וועט אייך אַ בעסערע די פרייהייט גרינען.
דאָס אַלטע פאַלט, עס ענדערט זיך די צייט,
ס׳בליט נייעם לעבן אויף פון די רוינען.

שטאַופּאַכער
צו וואַלטער פירשט:
זעט, סאַר אַ העלער גלאַנץ אין זיינע אויגן.
ס׳איז ניט די אויסלעשונג פון דער נאַטור,
דאָס איז דער שטראַל שוין פון אַ נייעם לעבן.

אַטינגהויזען:
דער אַדל גייט פון זיינע אַלטע שלעסער
און גיט די שטעט זיין בירגער־שבועה.
אין אוכטלאַנד, טורגיי האָט׳ס שוין אָנגעהויבן,
איר הערשער־קאָפּ הייבט אויף די אַדלע בערן,
פרייבורג פאַר פרעמע איז אַ פעסטונג זיכערע,
די רוישיקע ציוריך וואָפנט אָן די צעכן
אין קריגערישע מחנות. ס׳צעפּלאַצט די מאַכט
פון קיניגן אָן אירע וואַלן אייביקע.

דאָס ווייבערדיקע רעדט ער מיט אַ טאָן פון אַ נביא, זיינע רייד דערגרייכן צו באַגײַסטערונג.

איך זע די פירשטן און די גרויסע הערן,
אין פאַנצערן געקליידטע צ[illegible]ען מחנות,
אַ פאַסטעך=פאָלק באַשיידנס צו באַצווינגען.
אויף טויט און לעבן ווערט געקעמפט. די טאָלן
באַרימט ווערן דורך בלוטיקע נצחונות.
דער פויער וואַרפט זיך מיט דער נאַק׳טער ברוסט,
אַ פרייער קרבן, אויף דער מחנה שפּיזן;
ער ברעכט זי, און דעם אַדלס כוח פאַלט.
די פרייהייט הייבט איר פאָן אויף מיט נצחון.

ער נעמט וואַלטער פירשטן און שטויפאַכערן פאַר די הענט.

טאָ האַלט זיך פעסט צוזאַמען — פעסט און אייביק —
זאָל איינעם לאַנד ניט זיין דעם צווייטן פרעמד —
און וועכטער שטעלט אַרויס אויף אייערע בערג,
עס זאָל דאָס פאָלק צום בונד זיך שנעל פאַרזאַמלען —
זייט אייניק — אייניק — אייניק —

ער פאַלט צוריק אויפן קישן, זיינע הענט האַלטן נאָך לעבלאָז די הענט פון די לאַנדסלייט. פירשט און שטויפאַכער קוקן אים נאָך אַ צייט לאַנג און שווייגנדיק. דאַן טרעטן זיי אָפּ, יעדער פאַר זיך מיט זיין טרויער. דערווייל זיינען די קנעכט אַריינגעקומען. זיי גייען צו מיט אויסדרוק פון שוואַכערן אָדער שטאַרקערן טרויער; אייניקע שטעלן זיך לעבן אים אויף די קני און וויינען איבער זיין האַנט. בשעת דער דאָזיקער שטומער סצענע הייבט אָן דער שלאָס-גלאָק צו קלינגען.

רודענץ און די פריערדיקע.

רודענץ

שנעל אַריינגעקומען:

ער לעבט? אָ, זאָגט מיר — קאָן ער מיך נאָך הערן?

וואַלטער פירשט

ווייזט אָן אויף דעם טויטן, פאַרווענדנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט:

איר זייט איצט אונזער האַר און אונזער שיצער.
דער היגער שלאָס האָט איצט אַן אַנדער נאָמען.

ר ו ד ע נ ק

דערזעט דעם מויט און שטייט, פֿארכאַפּט פֿון שטאַרקן פּיין:

אָ, גוטער גאָט! ס׳קומט צו שפּעט מיין חרטה.
ער ט׳ניט געקענט מיט אַ פּאָר פֿולסן לענגער לעבן,
בכדי צו זעען מיין געענדערט האַרץ.
איך האָב פֿאַראַכט זיין טרייע שטימע, ווען
גערעבט האָט ער נאָך אויף דער וועלט. ער איז
צוועק, אַוועק אויף אייביק, און לאָזט מיר
די שוואַכע אומבאַצאָלטע שולד! אָ, זאָגט מיר:
איז ער מיט צאָרן קעגן מיר געשטאָרבן?

ש ט אַ ו פּ אַ כ ע ר:

האָט שטאַרבנדיק געהערט, וואָס איר׳ט געטאָן,
און אייער מוט געבענטשט פֿאַר אייער ריידן.

ר ו ד ע נ ק

קניט לעבן דעם מויטן:

יאָ, הייליק רעשט פֿון מענטשן טייערן!
אַנטזועלטער ברמינן, איך זאָג דיר צו
ביים טויטן קערפּער הייליק, אויף אייביק
צעריסן האָב איך אַלע פֿרעמדע קייטן.
כ׳בין ווידער אָפּגעגעבן צו מיין פֿאָלק.
אַ שווייצער בין איך, און איך וועל עס זיין
פֿון גאַנצן האַרצן.

שטייט אויף.

טרויערט אויף דעם פֿריינד,
אויף אונזער פֿאָטער, נאָר פֿאַרלירט קיין מוט ניט.
געלאָזן האָט ער מיר ניט רייכטום בלויז,—
עס גייט זיין האַרץ, זיין גייסט אויף מיר אַראָפּ,
און געבן וועט מיין פֿרישע יוגנט אייך,
וואָס אייך געבליבן שולדיק איז זיין עלטער.
געאַכטער פֿאָטער! גיט מיר אייער האַנט!
אויך אייערע גיט! מעלכטאַל, גיט איר אויך!
פֿאַרטראַכט זיך ניט, ניט קערט זיך אָפּ פֿון מיר!
נעמט אָן פֿון מיר מיין שבועה און מיין נדר!

װאַלטער פירשט:
די הענט ניט אים. דאָס האַרץ, װאָס קלאַפּט מיט תשובה,
פאַרדינט צוטרוי.

מאַלקאָלם:
איר האָט דעם פייער ניט געזען, —
װאָס קענען מיר פון אייך דערװאַרטן, זאָגט?

רודעניק:
געדענקט מיר ניט דעם פעלער פון מיין יוגנט.

שטאָפּאַכער
צו מאַלקאָלמען:
„זייט איינער" איז דאָס לעצטע װאָרט פון פאָטער.
פאַרגעסט אָן דעם ניט.

מאַלקאָלם:
נאָט װשע אייך מיין האַנט!
דעם פייערס האַנט איז צו אַן ערן־װאָרט גלייך,
מיין אייד'לער האַר. װאָס איז דער ריטער דען אָן אונז?
און אונזער שטאַנד איז עלטער איידער אייער.

רודעניק:
איך אַכט אים, און מיין שװערד װעט אים באַשיצן.

מאַלקאָלם:
די האַנט, מיין האַר, װאָס מאַכט די האַרטע ערד
זיך אונטערטעניק און איר שױם באַפרוכפּערט,
קאָן אױך אַ מענטשנס ברוסט באַשיצן.

רודעניק
איר
װעט מיין ברוסט שיצן, איך װעל — אייערע.
מיר זיינען איינער דורך דעם צװייטן שטאַרק.
צו װאָס אָבער די רייד, װען ס'פּאָטערלאַנד
איז נאָך צו רױב ביי פרעמדער טיראַניי?

ערשט ווען דער באָדן ריין זיין וועט פון פיינט,
אין פרידן וועלן מיר שוין אויסגלייכן זיך.
שטייט שטיל אַ רגע.
איר שווייגט? איר קאָנט מיר גאָרנישט זאָגן, ווי?
פאַרדין איך נאָך ניט, איר זאָלט מיר געטרויען?
דאַן מוז איך ק גן אַ"ער ווילן שוין
אין סוד פון אייער בונד אַריינדרינגען
איר האָט אין ריטלי ראַט געהאַט, געשוואָרן —
איך וויים, כ'וויים אַלץ, וואָס איר האָט דאָרט גערעדט,
און כאָטש איר האָט עס מיר ניט אָנגעטרויט —
געהיט האָב איך עס, ווי אַ הייליק סוד
כ'בין קיינמאָל ניט געווען קיין פיינט מיין לאַנד, —
גלויבט מיר, — און ניט געהאַנדלט קעגן אייך.
נאָר שלעכט איז דאָס, וואָס איר האָט צפּגעלייגט
די צייט איז קורץ און פאָדערט מעשים שנעל.
ס'איז טעל אַ קרבן שוין פון אייער זאַמען.

שטאַופאַכער:
געשוואָרן האָבן מיר ביז ניטל שווייגן.

רודענץ:
כ'בין ניט געווען דאָרט, איך האָב ניט געשוואָרן.
איר — וואַרט אייך; איך וועל שוין טאָן.

מעלכטאַל:
וואָס? איר ווילט? —

רודענץ:
כ'בין איצט אַלס פּיטער פונם לאַנד פאַררעכנט,
און ס'איז מיין ערשטער חוב אייך צו באַשיצן.

וואַלטער פירשט:
צו קבורה ברענגען אונזער טייערן מת
איז אייער ערשטער חוב און הייליקסטער.

רודענק:
ווען כ׳לאַנד וועט זיין באַפרייט, דאַן לייגן מיר
דעם קראַנץ פון דעם נצחון אויף זיין מיטה.
אָ, פריינט! ניט נאָר פאַר אייערע באַפרייונג, —
איך האָב צו קעמפן פאַר מיין איינן זאַך
מיט די טיראַנען. הערט און ווייסט: פאַרשוואונדן
איז בערטאַ מיינע, צוגערויבט געהיים
פון אונז איז זי דורך עזותדיק פאַרברעכן!

שטאַופאַכער:
אַזאַ געוואַלדטאַט האָט עס דער טיראַן
אַנ־קענען פרייען אַדל זיך דערלויבט?

רודענק:
אָ, מיינע פריינט! כ׳האָב אייך פאַרשפּראָכן הילף,
און פריער מוז איך הילף פון אייך גאָר בעטן.
אַוועקגערויבט פון מיר איז מיין געליבטע,
ווער ווייס, וואו האָט דער רשע זי פאַרבאָרגן!
דורך וואָסער קראַפט די רויבער האָבן פרעכהייט
איר האַרץ צו צווינגען צום פאַרהאַסטן בונד!
פאַרלאָזט מיך ניט, אָ, העלפט מיר זי צו רעטן —
זי ליבט אייך! אָ, זי האָט פאַרדינט ביים לאַנד,
אַז יעדע האַנט זאָל זיך פאַר איר באַוואָפענען.

וואַלטער פירשט:
וואָס ווילט איר. אונטערנעמען?

רודענק:
כ׳ווייס ניט וואָס.
אין דעם ביינאַכט, וואָס הילט אַרום איר גורל
און אין דעם אומגעהייערן אַנגסט פון ספק,
ווען ס׳איז ניטאָ קיין פעסטעס אונטער האַנט,
איז איין זאַך נאָר מיר אין נשמה קלאָר:
אונטער דעם ברוך פון דער טיראַנענמאַכט
נאָר אָפּגעגראָבן ווערן קאָן זי ווידער.

מיר מוזן אַלע פעסטונגען באַצווינגען,
בכדי אפשר איר תּפֿיסה צו געפֿינען.

מעלכטאַל:

קומט, פֿירט אונז אָן! מיר גייען מיט! צו וואָס
ביז מאָרגן שפּאָרן, וואָס מיר היינט פֿאַרמאָגן?
טעל ז'פֿריי געווען, ווען מ'ר האָבן געשוואָרן
אין ריטלי. ניט געשען איז נאָך דאָס בייז.
איצט ברענגט די צייט אַן אַנדער פֿאָדערונג,
אַ פּחדן בלויז ווערט איצט נאָך מוטלאָז בלייבן.

רודענץ

צו שטאַופֿאַכערן און וואַלטער פֿירשטן

דערווייל, באַוואָפֿנט און צו מעשים גרייט,
וואַרט אויף דעם פֿייערצייכן פֿון די בערג.
ווייל שנעלער, ווי אַ בשורה־פֿויגל פֿליט,
וועט אייך די בשורה פֿון נצחון דערגרייכן,
און זעט איר לייכטן די געווינטשטע פֿלאַמען —
באַפֿאַלט דעם שונא גלייך, ווי שטורעם־שטראַלן,
און זאָל פֿון טיראַניי דער בנין פֿאַלן.

גייען אַוועק.

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

אַ וועג אין די שפּאַלטן צווישן די בערג לײַבּ קיסנאַכט.
מענטשן שטייגן אַראָפּ פון הינט, צווישן די פעלזן, און די דורכ-
גייער זעען זיך שוין פון די הייכן, איידער זיי טרעטן נאָך
אַרויף אויף דער סצענע. פעלזן אַרום. איין פעלז טאָרטשעט
אַרויס אַ פאַרוואַקסענער פּיס קוסטעס.

טעל

קוסט אַ מיטן בויגן אין דײַן האַנט:

דורך דעם=אָ פעלזנוועג וועט ער באַלד קומען,
ניטאָ קיין אַנדער וועג קיין קיסנאַכט. דאָ
וועס׳ם זיין. אַ גינסטיקע געלעגנהייט.
עס וועט מיך דאָ דער קוסט פון אים פאַרבאָרגן.
פון דאָרט וועט אים מיין פייל אַנטקעגן קומען.
דער ענגער וועג וועט שטערן די פאַרפאָלגער.
מאַך, פאָט, דיין לעצטן חשבון מיטן עבן.
גענוג דיר, ס׳האָט דיין שעה שוין אויסגעשלאָגן.
כ׳האָב שטיל געלעבט און זאָרגלאָז,
מיין שאָס איז נאָר אויף װאַלד=חיות געצילט געווען.
מיין רעיון איז געווען פון מאָרדן ריין —
נאָר דו׳סט מיך פון מיין פריד אַרויסגעשראָקן,
אין יווירנדיקן שלאַנגענגיפט האָסטו
די מילך פון פרומען רעיון מיר פאַרוואַנדלט,
צום אומגעהייערן מיך צוגעוויינט —
ווער צילן קאָן אין קאָפּ פון אייגן קינד,
דער קאָן שוין טרעפן אין זיין שונאס האַרצן.
די אָרעמע קינדער, די אומשולדיקע,
די טרייע ווייב מוז איך באַשיצן פאַר
דיין רשעות, לאַנדפאָגט! ווען כ׳האָב אָנגעדריקט
דעם שנור, ווען ס׳האָט די האַנט ביי מיר געציטערט,
ווען דו׳סט מיט שטן=פרייד געצוואונגען מיך,
איך זאָל מיך צילן אין דעם קאָפּ פון קינד,
און איך בין דיר געפאַלן צו די פיס —

האָב איך געטאָן אַ נדר, און אַ שבועה
אַ שרעקלעכע פֿאַר גאָט האָב איך געשוואָרן,
אַז פֿון מיין נעקסטן שאָס דער ערשטער ציל
זאָל דיין האַרץ זיין. און וואָס איך האָב געשוואָרן
אין יענעם אויגנבליק פֿון גהינום־פּיין —
דאָס איז מיין הייליק חוב — איך וועל עס צאָלן.
דו ביסט מיין האַר, דו ביסט מיין קייזערס פֿאָגט.
ס׳וואָלט אָבער זיך דער קייזער ניט ערלויבט
וואָס דו. ער האָט אַהערצו דיך געשיקט,
גערעכטיקייט צו טאָן שטרענג, ווייל ער צאָרנט, —
נאָר ניט כּדי מיט מערדערישער לוסט
אונז פּייניגן צו פֿאַרשאַפֿן אומבאַשטראָפֿט.
עס לעבט אַ גאָט, וואָס שטראָפֿט און נעמט נקמה.
אָ, קום מיין פֿייל! פֿון ביטער שמאַרץ דער שאַפֿער!
מיין טייערער קליינאָד, מיין העכסטער שאַץ!
אַ ציל וועל איך דיר געבן, וואָס ביז איצט
איז אומדורכדרינגלעך פֿאַר געבעט געוועזן.
דאָך קעגן דיר וועט ער ניט ווידערשטיין.
און דו, מיין בויגן־שנור, וואָס אָפֿט אַזוי
האָסט מיר אין שפּילן פֿריידיקע געדינט,
פֿאַרלאָז מיך ניט אין אים דיקער ערנסט!
בלויז איצט נאָך בלייב מיר פֿעסט, מיין טרייער בויגן,
וואָס דו האָסט אָפֿט אַזוי מיין פֿייל באַפֿליגלט.
וועט טרעפֿן מיט דער פֿייל מיר איצט ניט גליקן —
האָב איך ניט מער קיין צווייטע פֿייל צו שיקן.

וואַנדערער גייען דורך אַריבער די סצענע.

איך וועל מיך זעצן אויף דער באַנק פֿון שטיין,
וואָס איז צו קורצער רו פֿאַר וואַנדערער גרייט,
ווייל דאָ איז ניט קיין היים, אַ יעדער גייט
זיך איינער נאָך דעם צווייטן פֿרעמד אַריבער
און פֿרעגט זיך אויף זיין שמאַרץ ניט נאָך. דאָ קומט
דער סוחר פֿול מיט זאָרגן, און דער פּילגער

לייכט אָנגעקליידטער, און דער פרומער נזיר,
דער טריבער רויבער און דער לוסטיקער זינגער.
דער פּאָרער מיט זיין שווער=באַלאָדן פערד,
וואָס קומט אַהער פון פרעמדע וויטע לענדער,
דען ס׳ציען זיך די וועגן פון עק וועלט,
און יעדער מיט זיין עסק גייט און פאָרט,
און מיין געשעפט אויף מיין וועג איז — דער מאָרד.
זעצט זיך.
אַז כ׳פלעג פון שטוב אַרויסגיין, ליבע קינדער,
פלעגט זיין אַ פרייד, ווען כ׳בין צוריק געקומען,
ווייל שטענדיק האָט דער פּאָער וואָס געבראַכט:
איז דאָס געווען אַ שיינע אַלפּ=בלום,
אַ זעלטענער פויגל, צי אַן אַמאָנסהאָרן, —
וואָס עס אַ וואַנדערער געפינט אין די בערג.
איצט גיי איך נאָך אַן אַנדער ווילדפּעט נאָך.
ביים ווילדן וועג זיץ איך מיט מאָרדגעדאַנקען.
איך לויער אויף דעם שונאס לעבן דאָ,
און דאָך פון אייך נאָר טראַכט איך, ליבע קינדער,
אויך איצט, — כדי אייך פאַרטיידיקן פון פיינט
און אייער ליבע אומשולדיק קינדערשע
צו שיצן פאַר דאָס שלעכטס פון די טיראַנען —
וועל איך צו מאָרד מיין בויגן איצטער שפּאַנען.
שטייט אויף.
איך לויער נאָך אַן איידל ווילדפרעט. האַלט דאָך
דער יעגער זיך ניט אָפּ דעם גאַנצן טאָג
אַרומצובלאָנדזשען אין די ווינטער=קעלטן,
פון פעלז צו פעלז צו שפּרינגען מיט סכנות,
אַרויפצודראַפּן זיך אויף גלאַטע ווענט,
מיט אייגן בלוט צו קלעפּן זיך צו זיי,
בכדי עפּעס אַ באַרג=חיה צו פאַנגען.
דאָ טו איך צו אַ שענער ווילדפרעט שטרעבן —
צום האַרץ פון טויט=פיינט, וועלכער ווכט מיין לעבן.
פונדערווייטנס הערט זיך אַ פריילעכע מוזיק, וועלכע דערנענטערט זיך.

אַ לעבן לאַנג האָב איך פון האַנט דעם בויגן
ניט אָפּגעלאָזן, לויט די יעגער־כּללים
געאיבט זיך; איך האָב אָפט אין ציל געטראָפן
און שיינע פריזן פיל אַהיים געבראַכט
פון שיס־געוועטן. אָבער היינט וועל איך
אַ מייסטער־שאָס טאָן און דעם גרעסטן פּריז
אין גאַנצן אומקרייז פון די בערג געווינען.

אַ חתונה גייט דורך דער בּצענע און דורך דעם וועג אַרויף־צו. טעל באַטראַכט זי, אָנגעשפּאַרט אויף זיין בויגן. שטיסי דער פעלד־שומר גייט צו אים צו.

שטיסי:

דער קלויסטער־פּערמער איז'ס פון מירלישאַכען,
וואָס האָט עס חתונה. אַ רייכער מענטש.
ער האָט צען סטאַדעס אויף די אַלפּן,
ער פירט די כּלה איצט קיין אימיזעע
און הוליען וועט מען שטאַרק די נאַכט אין קיסנאַכט.
קומט, אַלע גוטע לייט פאַררופן זיינען.

טעל:

עס פּאַסט ניט פאַר אַ חתונה מיין אומעט.

שטיסי:

פאַרטרייבט דעם אומעט, וואַרפט אַרויס פון האַרצן.
נעמט וואָס מען קאָן, די צייט איז איצט אַ שווערע,
און ס'דאַרף אַ מענטש פון פרייד זיך ניט אַנטזאָגן.
דאָ איז אַ חופּה, אַנדערש וואו אַ קבורה.

טעל:

און אָפט, טרעפט, קומען בּיידע נאָר צוזאַמען.

שטיסי:

אַזאַ איז שוין די וועלט, פּורעניות קלעקן.
אַ פעלזנשטיק האָט אָפּגעריסן זיך
אין גלאַרוס און צעשטערט אַ גאַנצע זייט
פון גלערני־באַרג.

טעל:

עס פֿאַלן שוין די בערג
אַפֿילו? ס'שטייט שוין גאָרנישט פֿעסט אויף דר'ערד?

שטימי:

פֿון אַנדערשוואו דערציילט מען אויכעט וואונדער.
אַ מענטש פֿון באַדען האָט עס מיר דערציילט:
אַ ריטער האָט געוואָלט צום קיניג רייטן,
האָט אונטערוועגס אַ מחנה ווערספּעס אים
באַגעגנט, איז אָנגעפֿאַלן אויף זיין פֿערד
און עס ביז טויט פֿאַרפּייניקט. האָט אַזוי
צופֿוס צום קיניג זיך דערשלעפּט דער ריטער.

טעל:

עס איז דעם שוואַכן אויך זיין גיפֿט געגעבן.

אַרמגאַרד קומט מיט עטלעכע קינדער און שטעלט זיך ביים אָנהייב פֿון דעם וועג.

שטימי:

דאָס איז אויף שלעכטס אַ סימן פֿאַרן לאַנד,
אויף מעשים אומגעהייער-גרויליקע.

טעל:

אַזעלכע מעשים ברענגט אונז יעדער טאָג,
קיין וואונדערצייכן דאַרף אויף זיי ניט ווייזן.

שטימי:

יאָ, וואויל צו דעם, וואָס זייט זיין פֿעלד אין רו
און שטיל מיט וויב און קינד זיצט אינדערהיים.

טעל:

עס קאָן דער שטילסטער ניט אין פֿרידן בלייבן,
אויב ס'איז דעם בייזן שכן ניט געפֿעלן.

טעל קוקט זיך אָפּט אַרום אויף די הייכן פֿון די בערג מיט אומרויִקער דערוואַרטונג.

שטיםי:

אַ גוטן טאָג! איר וואַרט דאָ וועמען אָפּ?

טעל:

יאָ.

שטיםי:

זאָלט איר אַהיים זיך אומקערן בשלום.
איר זייט פון אורי? אונזער גוטער האַר,
דער לאַנדפאָגט, ווערט נאָך היינט פון דאָרט דערוואַרט.

אַוואַנדערער

קומט אָן:

איר זאָלט היינט אויף דעם פאָגט ניט וואַרטן. ס׳וואַסער
האָט היינט זיך פון דעם רעגן שטאַרק צעגאָסן,
און אַלע בריקן האָט דער שטראָם צעריסן.

אַרמגאַרד

גייט צו:

דער לאַנדפאָגט קומט ניט?

שטיםי:

דאַרפט איר אים דען האָבן?

אַרמגאַרד:

אַוודאי!

שטיםי:

וואָס־זשע אויפן מיטן וועג
האָט איר זיך דאָ אַוועקגעשטעלט און שטייט?

אַרמגאַרד:

דאָ לאָז איך אים ניט דורך. ער מוז מיך הערן.

פריסהאַרט

קומט אייליק אַראָפּ אויף דעם וועג און שרייט צו דער סצענע:

דעם וועג, דעם וועג באַפרייט, דער גרויסער האַר
דער לאַנדפאָגט קומט גלייך הינטער מיר צו רייטן!

טעל גייט אַוועק:

אַרמנאַרד
לעבעדיק:

דער לאַנדפּאָגט קומט!

זי טרעט אַרויס מיט אירע קינדער אויף דער פאַרזרסצענע. געסלער און רודאָלף האַראַס באַווייזן זיך, רייטנדיק אין דער הייך אויפן וועג.

שטיסי
צו פריסהאַרטן:

אָ, ווי זייט איר אַריבער?
עס האָט דער שטראָם די בריקן דאָך צעבראָכן?

פריסהאַרט:

מיר האָבן מיט דער אָזערע געקעמפט,
און שרעקן זיך ניט פאַר קיין אַלפּנוואַסער.

שטיסי:

איר זייט אין שיף געווען אין גרויסן שטורעם?

פריסהאַרט:

געווען. כ'וועל דאָס ווילאַנג איך לעב געדענקען.

שטיסי:

אָ, בלייבט, דערציילט!

פריסהאַרט:

לאָזט, איך מוז גיין פאָרויס,
די בשורה אין דעם לאַנדפּאָגטס שלאָס צו מעלדן.
אָפּ.

שטיסי:

ווען אויף דער שיף זיין וואָלטן גוטע מענטשן,
וואָלט זי מיט האַק און פּאַק צום גרונט געגאַנגען,
נאָר זיי נעמט ניט קיין וואַסער, ניט קיין פייער...
וואו איז אַהין דער יענער, מיין בעל־דבר?
גייט אַוועק.

געסלער און רודאָלף האַראַס אויף פערד.

געסלער:

זאָגט, וואָס איר ווילט, איך בין דעם קייזער׳ס דינער
און טראַכטן דאַרף איך, ווי אים צו געפעלן.
ער האָט מיך ניט געשיקט אין לאַנד, דאָס פאָלק
צו חנפ׳ען און צו לאַשצען. געהאָרכזאַמקייט
ערוואַרט ער. ס׳גייט אום דעם, צי זאָל אין לאַנד
דער פויער זיין דער האַר, אָדער דער קייזער.

אַרמגאַרד:

די רעכטע צייט איז איצט, מען דאַרף זיך נעמען...

דערנענטערט זיך מיט מורא.

געסלער:

איך האָב דעם הוט ניט אויסגעשטעלט אין אַלטאָרף
פון חוזק וועגן, אָדער בכדי דאָס האַרץ
פון פאָלק צו פרווון. כ׳קען זיי שוין פון לאַנג.
איך האָב׳ס געטאָן, זיי זאָלן לערנען זיך
דעם רוקן, וואָס זיי טראָגן גלייך, צו בייגן.
דאָס אומבאַקוועמע האָב איך אויסגעשטעלט
אויף זייער וועג, וואו דורכגיין מוזן זיי,
בכדי זיי זאָלן זען און זיך דערמאָנען
אָן זייער האַר, וואָס זיי פאַרגעסן גערן.

רודאָלף:

דאָס פאָלק האָט אָבער דאָך געוויסע רעכט —

געסלער:

זיי אויסצוּוועגן איז ניט איצט די צייט.
עס דאַרפן גרויסע זאַכן באַלד געשען.
דאָס קייזער־טום וויל וואַקסן. וואָס דער פאָטער
האָט אָנגעהויבן, פירט דער זון ביז סוף.
דאָס קליינע פאָלק איז אונז אַ שטיין אין וועג.
אַזוי צי אַנדערש — ס׳מוז זיך אונטערגעבן.

זיי ווילן פאַרבייפאָרן. די פרוי וואַרפט זיך פאַרן לאַנדפאָגט אויף דער ערד.

אַרמגנאַרד:

באַרמהאַרציקייט, האר לאַנדפאָגט, גנאָד! גנאָד!

געסלער:

וואָס שפּאַרט איר זיך צו מיר אינמיטן וועג?
אַוועק! צוריק!

אַרמגנאַרד:

מיין מאַן ליגט אין געפענקעניש!
די יתומים מיינע בעטן ברויט. האָט מיטלייד,
דערבאַרמדיקער האַר, אויף אונזער עלנט!

רודאָלף:

ווער זייט איר? ווער איז אייער מאַן?

אַרמגנאַרד:

אַן אָרעמער
היי־שניידער, גוטער האַר, פון ריגיבערג,
וואָס איבער אָפּגרונט שניידט די הפקר־גראָז
אַראָפּ פון הויכע שטײַלע פעלזנווענט,
וואוהין דאָס פי דערוועגט זיך ניט צו קריכן.

רודאָלף
צום לאַנדפאָגט:

אַן עלנט און אַ שרעקלעך לעבן, ביילעבן.
איך בעט אייך, לאָזט אים פריי, דעם אָרעמאַן.
אויב ער האָט שווער פאַרזינדיקט קעגן אייך,
איז זיין מלאכה שוין גענוג אַ שטראָף פאַר אים.

צו דער פרוי.

עס וועט שוין רעכט זיין. דאָרטן אין דעם שלאָס
ברענגט אייער ביטע, דאָ איז ניט קיין אָרט.

אַרמגנאַרד:

ניין, ניין! איך וועל ניט אָפּטרעטן פונדאַנען,
ביז אומקערן וועט מיר דער פאָגט מיין מאַן.
ער ליגט דעם זעקסטן חודש שוין אין תפיסה
און וואַרט אומזיסט דעם פסק פון אַ געריכט.

גע פ ל ע ר:

איר ווילט מיט גוואַלד מיך נייטן, פרוי? אַוועק!

אַ ר מ נ אַ ר ד:

גערעכטיקייט! דו, לאַנדפאַגט, ביסט דער ריכטער
אין דער מדינה אויפן אָרט פון גאָט און קייזער.
דערפיל דיין חוב. ווי דו גערעכטיקייט
פון הימל וואַרטסט, אַזוי טו זי מיט אונז.

גע ס ל ע ר:

פורט! נעמט די עוותניצע צו פון מיינע אויגן!

אַ ר מ נ אַ ר ד
כאַפּט דעם פערד פאַרן צוים:

ניין, ניין, איך האָב ניט מער וואָס צו פאַרלירן
דו וועסט פון אָרט ניט גיין, ביז דו וועסט מיר
מיין רעכט ניט געבן! מעגסט דעם שטערן קנייטשן,
די אויגן דרייען, ווי דו ווילסט, מיר זיינען
שוין אָן אַן ערך אומגליקלעך, אַזוי אַז
אונז אַרט שוין מער דיין צאָרן ניט.

געסלער:

אַוועק, פרוי!
אָדער מיין פערד גייט איבער דיר אַריבער!

אַ ר מ נ אַ ר ד:

זאָל ער איבער מיר אַריבער — דאָ —
זי שטופּט די קינדער צו דער ערד און וואַרפט זיך מיט זיי אויפן וועג.
דאָ ליג איך
מיט מיינע קינדער. זאָלן די יתומים
צעטראָטן ווערן פון דיין פערדס קאָפּיטעס.
ס'איז ניט דאָס ערגסטע, וואָס דו האָסט געטאָן.

רודאָלף:

פרוי! איר זייט משוגע?

אַ ר מ ג אַ ר ד:

טרעטסטו שוין ניט לאַנג
דאָס לאַנד פון קייזער אונטער דיינע פיס?
אָ, איך בין נאָר אַ פרוי. ווען כ׳בין אַ מאַנסביל,
דאַן ווייס איך בעסערס, וואָס צו טאָן, ווי דאָ
אין שטויב צו ליגן...

ווידער הערט זיך אין דער הייך פון וועג די פריערדיקע מוזיק, אָבער פאַרשטיקטער.

נ ע ס ל ע ר:

וואו זיינען די קנעכט?
פאַרטרייב זי. אָדער איך פאַרנעם מיך באַלד
און טו אַזוינס, וואָס נאָכדעם וועט פאַרדריסן.

ר ו ד אָ ל ף:

עס קאָנען ניט די קנעכט אַדורכגיין, האַר,
דער וועג איז דורך אַ חתונה פאַרשפאַרט.

נ ע ס ל ע ר:

אַ צופיל מילדער הערשער בין איך נאָך
פאַר זיי, די צינגער ווינען זיי נאָך פריי,
ניט אַלץ איז נאָך באַצוימט, ווי ס׳דאַרף צו זיין.
נאָר אַנדערש וועט עס ווערן, כ׳זאָג אייך צו.
דעם חוצפה־גייסט פון פרייהייט וועל איך ברעכן!
אַ ניי געזעץ וועל איך נאָך פאַר די לענדער
אַרויסגעבן, איך וועל —

אַ פייל בויערט אים דורך. ער כאַפט זיך מיטן האַנט פאַרן האַרצן און שיר ער פאַלט ניט, מיט שוואַכער שטים.

אָ, העלף מיר, גאָט!

ר ו ד אָ ל ף:

האַר לאַנדפאָגט! גאָט! וואָס איז׳ס? פונוואַנען קומט עס?!

אַ ר מ ג אַ ר ד
שפרינגט אויף:

מאָרד! מאָרד! ער זינקט, ער פאַלט, ער איז געטראָפן!
אין סאַמע האַרצן האָט די פייל געטראָפן!

ר ו ד אָ ל ף

שפּרינגט אַראָפּ פון פערד:

אַ שרעק, וואָס איז געשען! אָ, נאָט! האַר ריטער!
בעט, גאָט זאָל זיך מרחם זיין, איר זייט
אויף טויט פאַרוואונדעט.

ג ע ס ל ע ר:

דאָס איז מעלם אַ שאָס...

לאָזט זיך אַראָפּ פון פערד צו רודאָלפן אויף די הענט; ס׳זעצט אים אויף דער באַנק.

ט ע ל

באַווייזט זיך איבן אין דער הייך פון פעלז:

דו קענסט דעם יעגער. זוך קיין אַנדערן ניט.
דעם פויערס הויז איז פריי, די אומשולד — זיכער
פאַר דיר. דו וועסט דעם לאַנד שוין מער ניט שאַטן.

פאַרשווינדט פון פעלז. אַן עולם שטופּט זיך אַריין.

ש ט י ס י

פאָרויס:

וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז אַזוינס געשען?

אַ ר מ ג אַ ר ד:

דעם לאַנדפאָגט האָט מען מיט אַ פייל דערשאָסן.

ד ע ר ע ו ל ם

אָנקומענדיק:

ווער איז דערשאָסן?

בשעת די פאָדערשטע פון דעם חתונה־צוג קומען אָרוים אויף דער סצענע, זיינען די הינטערשטע נאָך אויף דער הייך, און די מוזיק שפּילט אָלץ.

ר ו ד אָ ל ף:

ער גייט אָפּ מיט בלוט.
לויפט גיכער, הילף שאַפט, יאָגט דעם מערדער נאָך!
פאַרלאָר׳נער מענטש, אַזאַ ס׳נעמט דיין סוף זיין.
כ׳האָב דיך געוואָרנט, האָסט מיך ניט געפאָלגט.

ש ט י ס י :

אוי, כלעבן, ער איז בלאָס און נאַר אַן לעבן.

פ י ל ש ט י מ ע ן :

נאָר ווער האָט עס געטאָן?

ר ו ד אָ ל ף :

משוגענע!

באַגלייטן מאָרד מיט קלעזמער?! ווערט אַנטשווייגן!

די מוזיק רייסט זיך פלוצלינג אָפּ. עס קומט אַן נאָך מער עולם.

האָר לאַנדפאָנט! רעדט זשע, אויב איר קאָנט! האָט איר

מיר עפּעס צו פאַרטרויען?

גסלער גיט אַ צייכן מיט דער האַנט. ער חזרט דעם צייכן איבער, צעדרייצט, וואָס מען פאַרשטייט ניט.

ניין? וואָוהין?

קיין קיסנאַכט? איך פאַרשטיי אייך ניט. אָ, זייט

ניט אומגערולדיק, לאָזט דאָס ערדישע.

טראַכט איצטער, ווי מיט גאָט זיך איבערבעטן.

דער גאַנצער חתונה-עולם רינגלט אַרום דעם גוסס מיט פאַרגליווערטע אימה.

ש ט י ס י :

ווי בלייך ער ווערט, זע: אָט-אָ קומט דער טויט

אים אָן צום האַרצן, אויגן צוגעשלאָסן...

אַ ר מ ג אַ ר ד

הייבט אויף אַ קינד:

זעט, קינדער, ווי אַ נבל שטאַרבט אַוועק!..

ר ו ד אָ ל ף :

משוגענע! איר האָט דען ניט קיין האַרץ,

וואָס נחת קלייבט איר פון אַזעלכע שרעק?

ליינט צו אַ האַנט! וועט קיינער מיר ניט העלפן

די טויט-פייל פון זיין ברוסט אַרויסצוציען?

ו ו י י ב ע ר

טרעטן אָפּ אויף צוריק:

זיך צורירן צו דעם פון גאָט געשטראָפטן?

ר ו ד אָ ל ף:

צו פליך זייט און צו שאַנד!

צים פרוים זיין שווערד.

ש ט י ם י

האַלט אים צו די האַנט:

האַר, פרווּוט זיך נאָר!
אַ סוף צו אייער הערשאַפט. דער טיראַן
איז איצט געפאַלן. מערער ליידן מיר
קיין יאָכן נית. מיר זיינען פרייע מענטשן.

אַ ל ע

מיט טומל:

דאָס לאַנד איז פריי!

ר ו ד אָ ל ף:

איז שוין דערצו דערגאַנגען?
שוין ניטאָ די מורא, די געהאָרזאַמקייט?

צו די באַוואָפנטע זעלנער, וואָס זײַנען קומען אָן.

איר זעט דעם טאַט דעם שרעקלעכן פון מאָרד,
וואָס דאָ געשען איז? אומזיסט איז הילף.
ס'איז נוצלאָז נאָך דעם מערדער זיך צו יאָגן.
אונז דריקן אַנדערע זאָרגן. שנעל קיין קיסנאַכט,
דעם קייזער זיינע פעסטונגען צו ראַטן.
דען ס'זיינען אין דעם אויגנבליק צעריסן
פון יעדער אָרדענונג און פליכט די קייטן,
און קיינעמס טרייהייט טאָר מען נית געטרויען.

בשעת ער גייט אַוועק מיט די באַוואָפנטע זעלנער, באַווייזן זיך זעקס
באַ ר מ הֿאַ ר צ י ק ע ב ר י ד ע ר.

אַ ר מ ג אַ ר ד:

לאָזט דורך! די באַרמהאַרציקע ברידער גייען.

ש ט י ם י:

דער קרבן פאַרטיק — פליען אָן די ראָבן.

באַרמהאַרציקע ברידער שטעלן זיך אויס אין אַ האַלבן קרייז אַרום דעם טויטן און זינגען מיט אַ נידעריקן קול:

שנעל פאַלט דער מענטש פון טויט אַוועק,
עס איז דעם סוף ניט אויסצומיידן,
עס וואַרפט אים אום אינמיטן וועג,
עס רייסט אים אויס פון מיטן פריידן,
צי איז ער גרייט, צי ניט צום גיין —
ער מוז שוין פאַר זיין ריכטער שטיין.

בשעת די לעצטע טערזן הערן זיך איבער, פאַלט דער פאָרהאַנג.

פינפטער אַקט

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

אַן עפנטלעכער פלאַץ לעבן אַלמאַרף.

אין הינטערגרונד רעכטס שטייט די פעסטונג צווינג-אורי נאָך מיט די רישטאָוואַניעס, ווי אין דער דריטער סצענע פונם פערטן אַקט. פון לינקס אַ פּאַנאָראַמע פון אַ פולע בערג, איוף וועלכע עס ברענען סיגנאַל-פייערן. עס איז קוים פאַרטאָג. גלאָקן קלינגען פון פאַרשיידענע ווייטן.

ר ו ד י, ק ו נ י, ו ו ע ר נ י, מ י י ס ט ע ר ט ו ל י ע ר און פ י ל אַנדערע פ ו י ע ר י ם, אויך ו ו י י ב ע ר און ק י נ ד ע ר.

ר ו ד י:

איר זעט די פייער=צייכנס אויף די בערג?

מ ו ל י ע ר:

איר הערט די גלאָקן קלינגען איבער וואַלד?

ר ו ד י:

פֿאַריאָגט וויינען די פֿיינט.

מ ו ל י ע ר:

די שלעסער איינגענומען.

ר ו ד י:

און מיר אין אורי=לאַנד מיר דולדן נאָך
אויף אונזער באָדן דעם טיראַנענשלאָס?
די לעצטע וועלן מיר זיך פֿריי דערקלערן?

מ ו ל י ע ר:

זאָל שטיין דער יאָך, וואָס האָט געוואָלט אונז צווינגען?
היי, מאַכט אים חרוב!

אַ ל ע:

חרוב! חרוב! חרוב!

ר ו ד י:

וואו איז דער אורי=שאַלער?

ד ע ר ש אַ ל ע ר:

דאָ, וואָס טאָן?

ר ו ד י:

גייט אויף דעם טורעם, און האָרן בלאָזט,

אַז הילכן זאָל עס ווייט אין אַלע בערג,
זאָל וועקן עכאָ אין די פעלזנשפּאַלטן,
און שנעל די מאַנסביל פון די בערג אַהער
צוזאַמענרופן.

דער שאַלער גייט אַוועק. וואַלטער פירשט קומט.

וואַלטער פירשט:
וואַרט, חברים, שטייט,
מיר ווייסן נאָך ניט, וואָס אין אונטערוואַלד
און שוויץ געשען איז. לאָמיר שלוחים זיך
דערוואַרטן.

רודי:
וואָס דען וואַרטן! דער טיראַן
איז טויט. דער טאָג פון פרייהייט איז געקומען.

מוליער:
עס קלעקן ניט די פייערדיקע שלוחים,
וואָס פלאַמען דאָ אַרום אויף אַלע בערג?

רודי:
קומט אַלע, לייגט די הענט צו, מענער, ווייבער!
די רישטאָוואַניע וואַרפט! רייסט דעם סופיט!
דעם מויער ברעכט! ס'זאָל שטיין אויף שטיין ניט בלייבן.

מוליער:
געזעלן! קומט! מיר האָבנ'ס אויפגעבויט,
מיר קאָנען עס צעשטערן.

אַלע:
קומט, מאַכט חרוב!

זיי וואַרפן זיך פון אַלע זייטן אויף דעם בנין.

וואַלטער פירשט:
פאַרפאַלן. כ'וועל שוין אָפּהאַלטן ניט קענען.

מעלכטאַל און בוימגאַרטען קומען.

מ ע ל כ ט אַ ל :

וואָס? שטייט די פעסטונג נאָך, ווען סאַרנען ליגט
אין אַש שוין, און שלאָס ראָזבערג איז געפאַלן?

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

זייט איר עס, מעלכטאַל? ברענגט איר אונז די פרייהייט?
זאָגט, זיינען ריין פון פיינט שוין אַלע קאַנטן?

מ ע ל כ ט אַ ל

נעכט אים אַרום :

שוין ריין דער באָדן, פרייט אַייך, אַלטער פאָטער!
אין דער־אָ רגע, ווען מיר ריידן דאָ,
איז קיין טיראַן ניטאָ מער אין דער שווייץ.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

אָ! ווי זשע ט'איר די פעסטונגען גענומען?

מ ע ל כ ט אַ ל :

ס'איז רודענץ דער, וואָס האָט דעם סאַרנער שלאָס
מיט גבורה מאַנסבילש־מוטיקער געוואונען.
און ביידערנאַכט בין איך אַריין אין ראָזבערג.
נאָר הערט, וואָס איז געשען. ווען ס'איז דער שלאָס
ביי אונז אין האַנט געווען און אָנגעצונדן,
דאָס פייער האָט צום הימל זיך געהויבן, —
קומט אָן צו לויפן נעסלערס דינער דיטהעלם
און שרייט, אַז די ברונעקער איז אין פלאַם.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :

גערעכטער גאָט!

עס הערט זיך, ווי די באַלקעס פון די רישטאָוואַניעס פאַלן.

מ ע ל כ ט אַ ל :

ס'איז זי געווען. געהיים
האָט זי דער פאָגט אין שלאָס־קעלער פאַרשפאַרט.
משוגע שפרינגט אויף רודענץ — דען מיר הערן:
די באַלקנס שוין די פעסטע ווילן פאַלן,

אוּן פוּן דעם רויך אַרוּיס — דאָס יאָמערן
פוּן דער פאַרשפאַרטער...

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :
איז זי גאַנץ געבליבן?

מ ע ל כ ט אַ ל :
מען האָט געדאַרפט געשיקט זיין און אַנטשלאָסן.
ווען ער וואָלט אוּנזער פריץ נאָר געוועזן,
מיר וואָלטן ניט געשפּילט דאָן מיטן לעבן.
נאָר מיר זיינען מיט אים אין בונד, און בערטא
האָט ס׳פאָלק געאַכט, נו, האָבן מיר דאָס לעבן
אין קאָן געשטעלט און זיך אין פלאַם געוואָרפן.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :
איז זי געבליבן גאַנץ?

מ ע ל כ ט אַ ל :
יאָ. איך און רודענץ
פוּן פייער האָבן זי אַרויסגעטראָגן —
און איינגעפאַלן דער סופיט איז תּכף.
און ווען זי איז געראַטעוועט שוין געווען,
די אויגן צו דעם הימל־ליכט געעפנט, —
דאָן פאַלט דער פרייהער אויף דער ברוסט צו מיר,
און שווייגנד איז אַ בונד ביי אונז געשוואָרן,
וואָס, פעסט פאַרהאַרטעוועט, אין פייער־בראַנד
וועט ניט צעשמעטערט ווערן פוּן קיין נסיון.

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט :
און וואו איז לאַנדענבערג?

מ ע ל כ ט אַ ל :
אַריבער ברוּניג.
ניט מיין שולד, אויב דאָס ליכט פוּן זיינע אויגן
איז גאַנץ געבליבן דעם, וואָס האָט מיין טאַטע־
מיר בלינד געמאַכט. כ׳האָב אים געיאָגט, דערגרייכט,

און אים געוואָרפן צו מיין פאָטערס פיס.
געהאַנגען איבער אים איז שוין מיין שווערד.
נאָר דאָס רחמנות פון דעם בלינדן זקן
האָט אים פאַר זיין געבעט געשענקט דאָס לעבן.
ער האָט געשוואָרן מער צוריק ניט קומען.
ער וועט'ס געדענקען, אונזער האַנט געפילט האָט ער.

וואַלטער פירשט:

וואויל אייך, וואָס איר האָט דעם ריינעם זיג
מיט בלוט־פאַרגיסונג ניט פאַרמיאוסט.

קינדער
לויפן מיט שטיקער פון דער רישטאָוואַניע איבער דער סצענע:
פרייהייט!

מעכטיק בלאָזט דער שאַלער פון אורי.

וואַלטער פירשט:

זעט, סאַר אַ יום־טוב! דעם טאָג וועלן קינדער
אויך שפּעטער אויף דער עלטער ניט פאַרגעסן.

מיידלעך ברענגען צו טראָגן אויף אַ שטאַנג דעם הוט. די גאַנצע סצענע ווערט פול מיט מענטשן.

רודי:

דער הוט, פאַר וועלכן מ'האָט געמוזט זיך בויגן!

בוימגאַרטען:

אַן עצה גיט, וואָס זאָל מען טאָן דערמיט.

וואַלטער פירשט:

גאָט! אונטער אים מיין אייניקל געשטאַנען!

קולות:

צעשטערט דעם אָנדענק פון דער טיראַניי!
אין פייער ווארפט אים!

וואַלטער פירשט:

ניין, מען דאַרף אים לאָזן.

גערינגט אַלס ווערקצייג ביי דער טיראַניי, —
זאָל ער אַ צייכן אייביק זיין פון פרייהייט!

די לאַנדסלייט, מענער, פרויען און קינדער, שטייען און זיצן אויף די באַלקנס פון די צעבראָכענע רישטאַוואַניעס, מאַלעריש גרופירט אין אַ גרויסן האַלבקרייז.

מעלכטאַל:

חברים! אויף די חורבות פון דער רשעות
איצט פריילעך שטייען מיר! דערפילט איז פּרעכטיק,
אויף וואָס געשוואָרן האָבן מיר אין ריטלי!

וואַלטער פירשט:

די זאַך איז אָנגעהויבן, ניט פאַרענדיקט.
איז איצט אונז נייטיק מוט און פעסטע אחדות,
ווייל, זיכער זייט, ניט זאַמען וועט דער קיניג,
זיך נוקם זיין פאַר זיין פאָגטס טויט, און דעם
פאַרטריבענעם מיט גוואַלד צוריק אונז ברענגען.

מעלכטאַל:

ער מעג אַהער מיט מחנות חיל גיין,
אַבי פאַריאָגט דער שונא איז פון לאַנד,
דעם פיינט פון אויסן וועט מען שוין באַגעגענען.

רודי:

נאָר וויניק דורכגענג פירן אין דאָס לאַנד,
מיר וועלן זיי מיט אונזער לייב פאַרשפּאַרן.

בוימגאַרטען:

פאַראייניקט זיינען מיר אין פעסטן בונד.
און זייערע מחנות שרעקן אונז ניט אָפּ.

רעסעלמאַן און שטאַופאַכער קומען.

רעסעלמאַן
אַריינקומענדיק:

דאָס איז דער משפּט פורכטבאַרער פון הימל!

דער עולם:

וואָס איז?

רעמעלמאַן:

אין וועלכע צייטן לעבן מיר!

וואַלטער פירשט:

מאָ זאָגט, וואָס איז? אָ, דאָס ווייט איר, הער ווערנער?
וואָס ברענגט איר אונז?

דער עולם:

וואָס איז?

רעמעלמאַן:

הערט און וואונדערט זיך!

שטאַופאַכער:

מיר זיינען פון אַ גרויסער שרעק באַפרייט!

רעמעלמאַן:

דער קייזער איז דערמאָרדעט!

וואַלטער פירשט:

גנעדיקער גאָט!

דער עולם שטייט אויף, מען שטעלט זיך אוים אַרום שטאַופאַכערן.

אַלע:

דערמאָרדעט! וואָס! דער קייזער! הערט! דער קייזער!

מעלכטאַל:

ניט מעגלעך! זאָגט, פונוואַנען ווייסט איר עס?

שטאַופאַכער:

געפאַלן לעבן ברוק פון מערדערס הענט
איז קייניג אַלבערט — אַ באַגלויבטער מענטש
דערציילט'ס — יאָהאַנעס מילער פון שאַפהויזען.

וואַלטער פירשט:

ווער האָט דערוועגט זיך אַזאַ זינד צו טאָן?

שטאַופאַכער:

נאָך שרעקלעכער איז זי צוליב דעם מערדער.

זיין ברודערס זון איז׳ס, זיין פלימעניק
הערצאָג יאָהאַן פון שוואַבען, דער רוצח.

מאַלכמאַל:

צו וואָס האָט ער באַדאַרפט דעם פאָטער־מאָרד?

שטאַופאַכער:

די ירושה פון דעם פאָטער האָט דער קייזער
דעם יורש אומגעדולדיקן פאַרהאַלטן.
מען זאָגט, ער האָט זי גאָר געוואָלט אָפּרויבן
און מיט אַ בישאָפּהוט אים פּטרן.
ווי ס׳זאָל ניט זיין, דער יונגערמאַן געפאָלגט האָט
דעם בייזן ראַט פון זיינע גוטע פריינט
און מיט די אַדל־לייט פון עשענבאַך,
פון טעגערפעלדען, פון דער ווארט און פאַלם
באַשטימט, ווייל יושר קאָן ער ניט געפינען,
אַליין נקמה נעמען פאַר זיין עוולה.

וואַלטער פירשט:

אָ, זאָגט, ווי פאָרגעקומען איז דער גרויל?

שטאַופאַכער:

דער קיניג האָט אין וועג פון שטיין געריטן
צו ריינפעלד, וואו זיין הויף געווען איז;
מיט אים — די פירשטן האַנס און לעאָפּאָלד
און אַ געזעלשאַפט פון די גרעסטע לייט.
און אַז געקומען זיינען זיי קיין רייס,
וואו מ׳דאַרף זיך איבער טייך אַריבערשיפן,
אַריין זיינען די מערדער שנעל אין שיף
און אָפּגעשיידט דעם קייזער פון דער סוויטע.
דער פירשט איז דאַן דורך אַ צעאַקערט פעלד
אַוועקגעריטן — ס׳איז אַ גרויסע שטאָט
אַמאָל געווען דאָ נאָך פון היידן־צייטן —
האָט דאָ אים, פאַר דער אַלטער פעסטונג האַבסבורג,

פונוואַנען ס'קומט אַרויס דעם קייזערס שטאַם, —
דער הערצאָג — מיט אַ דאָלך אין האַלז דערלאַנגט,
רודאָלף פון פאַלם — אַ שפּיז אַריינגעשטאָכן
און עשענבאַך דעם קאָפּ אויף צוויי צעשפּאָלטן,
אַזוי אַז ער איז אין זיין בלוט געפאַלן,
געטויט פון אייגענע אויף אייגן לאַנד.
פון צווייטן ברעג האָט מען געזען דעם מאָרד,
נאָר דורך דעם שטראָם געשיידט, האָט מען געקענט
מער ניט ווי שרייען אוממעכטיקע געוואַלדן.
ביים וועג געזעסן איז אַן אָרימע פרוי,
און אָט אויף אירע הענט איז ער געשטאָרבן.

מ ע ל כ ט אַ ל:

ער האָט פאַר זיך נאָר פרי אַ גרוב געגראָבן,
דער גיריקער, וואָס אַלץ געוואָלט האָט האָבן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

אַ גרויסע שרעק איז אויף דעם לאַנד אַראָפּ.
פאַרשפּאַרטע זיינען אַלע דורכגענג אין די בערג,
און יעדער זיינע גרענעצן באַוואַכט;
די אַלטע ציוריך זעלבסט האָט אויך איר טויער,
וואָס שטייט שוין אָפן דרייסיק יאָר, פאַרשפּאַרט,
אויס מורא פאַר די רוצחים, און נאָך מער
פאַר די וואָס וועלן קומען מיט נקמה.
ווייל מיט נקמה־פלוך באַוואָפנט, קומט
די אונגאַרישע קינינין די בייזע אַגנעס,
וואָס פרעמד איז איר די מילדקייט פון איר מין,
כדי פאַר דעם פאָטערס קיניגלעכן בלוט
זיך מיט די רוצחימס גאַנצן שטאַם צו רעכ'נען:
מיט זייערע קנעכט און קינדער און קינדס־קינדער,
אַפילו מיט די ווענט פון זיי'רע שלעסער.
געשוואָרן האָט זי צו אַריבערשיקן
משפּחות גאַנצע אין דעם פאָטערס גרוב;
אין בלוט, גלייך ווי אין מאַי־טוי, זיך צו באָדן.

מ ע ל כ ט אַ ל:

צי ווייס מען, וואו געפינען זיך די מערדער?

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

זיי זיינען זיך צעלאָפן נאָכן טאַט

באַלד איבער וועגן פינף פאַרשיידענע

באַזונדער, כדי זיך מער ניט צו באַגעגענען.

מען זאָגט, דער הערצאָג בלאָגדזשעט אין די בערג דאָ.

וואַלטער פּירשט:

האָט זיי די רשעות ניט געבראַכט קיין פרוכט.

נקמה ברענגט קיין פרוכט ניט. זי אַליין איז

איר שרעקלעכע דערנערונג. איר גענום איז —

רציחה, און איר זעטיקונג — די אימה.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

די רוצחים ברענגט דאָס שלעכטס ניט קיין געווינס,

מיר אָבער קלייבן מיט די ריינע הענט

פון בלוט-פאַרברעכן די געבענטשטע פרוכט:

געפאַלן איז דער גרעסטער פיינט פון פרייהייט,

און, ווי מען זאָגט, וועט איבערגיין דער סצעפּטער

פון האַבסבורג צו אַן אַנדערער משפחה.

דאָס קייזער-רייך וויל פרייען אויסוואַל האָבן.

וואַלטער פּירשט און אַנדערע:

איר'ט וואָס געהערט?

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

דער גראַף פון לוקסעמבורג

איז דורך דער מערהייט שטימען אָנגעמערקט שוין.

וואַלטער פּירשט:

גוט, וואָס מיר זיינען טריי דעם קייזער-רייך,

איצט קאָן מען האָפן אויף גערעכטיקייט.

ש ט אַ ו ט אַ כ ע ר:

דער נייער האַר האָט נייטיק דרייסטע פריינט,
וועט ער אונז שיצן קענען עסטרייכס צאָרן.

די לאַנדסלייט נעמען זיך איינער דעם אַנדערן אַרום.

דער שמש:

אָט זיינען די נעאַבטע לאַנדפאַרשטייער.

דעמעלמאַן און אַנדערע:

פעטערמאַן, וואָס איז?

דער שמש:

אַ רייך־שליח מיט אַ בריוו.

אַלע

צו וואַלטער פירשטן:

מאַכט אויף און לייענט.

וואַלטער פירשט

לייענט:

צו די קלוגע מענער
פון אורי, שוויץ און אונטערוואַלדען ווינטשט
די קיניגין עלסבעט גענאַד און אַלדאָס גוטס.

פיל שטימען:

וואָס וויל די קיניגין? זי הערשט ניט מער!

וואַלטער פירשט

לייענט:

אין גרויסן פיין פון איר אַלמנהשאַפט,
וואָס האָט דער בלוטיקער טויט פון איר האַר
דער קיניגין פאַרשאַפט, געדענקט זי נאָך
די פרייהייט און די ליבע פון די שווייצער.

מעלכטאַל:

אין גוטס האָט זי עס קיינמאָל ניט געטאָן.

דעמעלמאַן:

שטיל! לאָזט הערן!

ו ו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט

לייענט:

און זי פאַרלאָזט זיך אויף דעם טרייען פאָלק,
אַז ס׳וועט נערעכטע שנאה אין זיך טראָגן
צו די פאַרפלוכטע אויספירער פון מאָרד.
דערום דערוואַרט זי פון די דריי מדינות,
אַז ניט באַהאַלטן וועלן זיי די מערדער.
פאַרקערט, זיי וועלן מיט געטרייהייט העלפן
זיי איבערגעבן אין די הענט פון משפט
געדענקענדיק די ליבשאַפט און חסדים,
וואָס רודאָלפס פירשטנהויז האָט זיי געשענקט.

סימנים פון אומצופרידנקייט צווישן די לאַנדסלייט.

אַ פ ו ל ע ש ט י מ ע:

די ליבשאַפט און חסדים!

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר:

מיר האָבן גינציקייט געהאַט פון פאָטער,
וואָס אָבער האָבן מיר געהאַט פון זון?
האָט ער די בריוו פון פרייהייט אונז באַשטעטיקט,
ווי יעדער קייזער פאַר אים האָט געטאָן?
האָט ער געמשפט אונז לויט דעם געזעץ
און דער געדריקטער אומשולד שוץ געגעבן?
האָט ער געוואָלט כאָטש אויסהערן די שליחים,
וואָס מיר האָבן אין נויט געשיקט צו אים?
דער קיניג האָט קיין זאַך ניט פון דעם אַלעם
פאַר אונז געטאָן, און וואָלטן מיר אַליין ניט
פאַרשאַפט זיך רעכט מיט אונזער אייגענער האַנט,
וואָלט אונזער נויט אים ניט גערירט — אַ דאַנק אים?
ניט דאַנק האָט ער געזייט אין אונז׳רע טאָלן.
ער איז געשטאַנען הויך, ער וואָלט געקאָנט
אַ פאָטער זיינע פעלקער זיין, האָט ער נאָר
פאַר זייניקע אין הארצן זאָרג געטראָגן,
טאָ זאָלן אים די זייניקע באַקלאָגן.

ו ו אַ ל ט ע ר פּ י ר ש ט:

מיר האָבן ביין־פרייד ניט אויף זיין מפּלה,
געדענקען ניט זיין שלעכטסקייט צו אונז איצט.
דאָך פאַר דעם טויט פון קיניג, וואָס האָט קיינמאָל
קיין גוטס אונז ניט געטאָן, נקמה נעמען,
און די פאַרפאָלגן, וועלכע האָבן קיינמאָל
אונז ניט פאַרשאַפט קיין לייד — וואָס טויג עס אונז?
די ליבע וויל אַ פרייער אַ קרבן זיין.
דער טויט באַפרייט פון אויפגעצוואונג'נע חובות,
מיר זיינען אים ניט שולדיק קיינע טובות.

מ ע ל כ ט אַ ל:

און אויב די קיניגין וויינט אין איר חדר
און ס'קלאָגט איר ווילדער פּיין צום הימל אויבן —
טאָ זעט אָט־אָ אַ פאָלק, באַפרייט פוןליידן,
צום זעלבן הימל בעט און דאַנקט מיט פריידן.
ס'מוז ליבע זייען, ווער ס'וויל מיטלייד שניידן.

ש ט אַ ו פ אַ כ ע ר

צום עולם:

וואו איז זשע מעל? דער איינער זאָל אונז פעלן,
וואָס אונזער פרייהייט האָט געגרינדעט? ס'גרעסטע
האָט ער געטאָן, דאָס שווערסטע — אויסגעליטן.
קומט אַלע צו זיין הויז, קומט פרייע מענטשן,
דעם רעטער פון אונז אַלעמען צו בענטשן.

אַלע גייען אַוועק.

צ ו ו י י ט ע   ס צ ע נ ע

פאַרהויז פון טעלס וואוינונג.
פייער ברענט אויף דער קיך. פון דער אָפענער טיר זעט זיך
דער דרויסן.
העדוויג וואַלטער און ווילהעלם.

העדוויג:

היינט קומט דער פאָטער. קינדער, ליבע קינדער!
ער לעבט, איז פריי, און מיר און אַלץ איז פריי!
און אייער פאָטער האָט דאָס לאַנד דערלייזט.

וואַלטער:

און איך בין אויך דערביי געוועזן, מוטער!
מען דאַרף מיך אויך דערמאָנען. ס'האָט די פייל
פאַרביי מיין לעבן דורכגעשוועבט, און איך
האָב ניט געציטערט.

העדוויג

געמט אים אַרום:

יאָ, דו ביסט מיר ווידער
געגעבן, צוויי מאָל האָב איך דיך געבוירן,
צוויי מאָל — דעם מוטערשמערק פון דיר געליטן.
אַ סוף אָבער, איך האָב אייך ביידן, ביידן!
און היינט נאָך קומט צוריק דער ליבער פאָטער.

אַ מאָנאַך באַווייזט זיך אין דער טיר.

ווילהעלם:

זע, מוטער, זע! דאָרט שטייט אַ פרומער ברודער.
מסתּמא וויל ער אַ נדבה בעטן.

העדוויג:

פיר אים אַריין, בכדי אים צו דערקוויקן,
און זאָל ער פילן, אַז דאָ איז אַ שׂמחה.

גייט אַריין אין שטוב, און קומט באַלד צוריק אַרויס מיט אַ בעכער.

ו ו י ל ה ע ל ם
צום מאָנאַך:
קומט, גוטער מענטש, די מוטער גיט אײַך לאַבונג.

ו ו אַ ל ט ע ר:
קומט, רוט אײַך אויס, און גייט, געשטאַרקט, פונדאַנען.

מ אָ נ אַ ך
אַרומקוקנדיק זיך מיט שרעק:
וואו בין איך? זאָגט מיר, כ׳בעט. אין וועלכן לאַנד?

ו ו אַ ל ט ע ר:
איר האָט פאַרבלאָנדושעט, וואָס, איר ווייסט ניט?
איר זײַט אין בירגלען, אין דעם לאַנד פון אורי,
בײַ דעם אַרײַנגאַנג אין דעם שעכענטאָל.

מ אָ נ אַ ך
צו העדוויג, וועלכע קומט צוריק:
איר זײַט אַליין? איז אײַער מאַן אין שטוב?

ה ע ד ו ו י ג:
אָט וואַרט איך אויף אים. נאָר, — וואָס איז מיט אײַך?
איר זעט ניט אויס צו ברענגען מיט זיך גוטס.
נאָר ווער איר זײַט, — זײַט איר באַדערפטיק, נעמט.
דערלאַנגט אים דעם בעכער.

מ אָ נ אַ ך:
אָ, ווי מײַן קראַנקע האַרץ שמאַכט אויך נאָך לאַבונג.
כ׳וועל גאָרנישט נעמען, ביז איר זאָגט ניט צו —

ה ע ד ו ו י ג
ניט רירט מײַן קלייד אָן, ניט דערנענטערט זיך,
פונווײַטן רעדט, אויב כ׳דאַרף אײַך אויסהערן.

מ אָ נ אַ ך:
איך שווער בײַם פײַער, וואָס דאָ ברענט גאַסטפרײַנדלעך,
בײַ אײַערע קינדערס ליבע קעפּ, וואָס כ׳האַלט — —
נעמט אַרום די קינדער.

ה ע ד ו ו י ג :

וואָס פאַר מחשבות האָט איר, מענטש? אַוועק
פון מיינע זין, איר זייט ניט קיין מאַנאַך, ניין!
פון פרידן איז אַצייכן אייער קלייד,
און אייער פּנים ווייזט אויף פרידן ניט.

מ אָ נ אַ ך :

איך בין דער אומגליקלעכסטער צווישן מענטשן.

ה ע ד ו ו י ג :

דאָס אומגליק וועקט רחמנות אינם האַרצן,
פון אייער בליק ווערט אַלץ אין מיר פאַרגליווערט.

ו ו אַ ל ט ע ר

שפּרינגט אויף:

מוטער! דער פאָטער!

לויפט שנעל אַרויס.

ה ע ד ו ו י ג :

אָ, מיין גאָט!

וויל נאָכלויפן; הייבט אָן צימערן און האַלט זיך אָן.

ו ו י ל ה ע ל ם

לויפט אויך אַרויס:

דער פאָטער!

ו ו אַ ל ט ע ר

אין דרויסן:

דו ביסט דאָ ווידער!

ו ו י ל ה ע ל ם

אין דרויסן:

פאָטער, ליבער פאָטער!

ט ע ל

אין דרויסן:

איך בין דאָ ווידער — וואו איז אייער מוטער?

קומען אַלע אַריין.

ו ו אַ ל ט ע ר:
אַט שטייט זי לעבן טיר און קאָן ניט אָפּגיין,
דאָס ציטערט זי פון שרעק און פרייד.

ט ע ל:
אָ, העדוויג, העדוויג, מיינע קינדערס מוטער!
ס'האָט גאָט דערלייזט — מער שיידט אונז קיין טיראַן ניט!

ה ע ד ו ו י ג
איף זיין האַלז:
אָ, טעל! טעל! סאַר אַ שרעק איך האָב געליטן!

דער מאַזאַך ווערט אומסערקזאַם.

ט ע ל:
פאַרגעס עס איצט און לעב נאָר מיט דער שמחה.
איך בין דאָ ווידער! אין מיין איינן שטיבל!
איך שטיי דאָ ווידער איוף מיין איינגן לאַנד.

ו ו י ל ה ע ל ם:
וואו אָבער איז דער בויגן דיינער, פאָטער?
איך זע אים ניט.

ט ע ל:
דו וועסט אים מער ניט זען.
ער ליגט באַהאַלטן אין אַ הייליק אָרט.
ער וועט שוין ווייטער צו קיין יאַגד ניט דינען.

ה ע ד ו ו י ג:
אָ, טעל! טעל!

טרעט פון אים אָפּ, לאָזט אָפּ זיינע הענט.

ט ע ל:
וואָס־זשע שרעקסטו זיך, מיין ווייב?

ה ע ד ו ו י ג:
ווי — ווי ביסטו געקומען? — די־אָ האַנט —
איך מעג זי האַלטן? די־אָ האַנט — אָ, גאָט! —

ט ע ל

הארציק און מוטיק:

האָט אײַך פֿאַרטײדיקט און דאָס לאַנד דערלײזט.
איך קען די פֿרײַ אַרױף צום הימל הײבן.

דע־מאָנאַך מאַכט אַ ראַשע באַװעגונג. טעל דערװעט אים.

װער איז דער מענטש?

ה ע ד װ י ג:

אַך, נאָר אָן אים פֿאַרגעסן.
רײד דו מיט אים. איך שרעק מיך לעבן אים.

מ אָ נ אַ ך

גײט צו נענטער:

זײט איר דער טעל, װאָס האָט געטײט דעם לאַנדפֿאָגט?

ט ע ל:

יאָ. איך פֿאַרבאָרג עס פֿון קײן מענטשן ניט.

מ אָ נ אַ ך:

זײט איר דער טעל! אַך, ס׳איז די האַנט פֿון גאָט,
װאָס אונטער אײַער דאַך האָט מיך געבראַכט.

ט ע ל

מעסט אים אָפּ מיט די אױגן:

ניט קײן מאָנאַך, — װער זײט איר?

מ אָ נ אַ ך:

איר געטײט האָט
דעם פֿאָגט, װאָס האָט אײַך שלעכטס געטאָן; אױך איך האָב
מײַן פֿײַנט געטײט, װאָס האָט מײַן רעכט צעשטערט —
ער איז געװעזן אײַער פֿײַנט, װי מײַנער —
איך האָב דאָס לאַנד פֿון אים באַפֿרײַט.

ט ע ל

אָפּטרעטנדיק אױף צוריק:

איר זײט —
אָן אימה! — קינדער, קינדער, גײט אין שטוב!

גיי, ליבע פרוי, גיי, גיי! — אומגליקלעכער!
איר זייט —

הערוויג:

אָ, גאָט! ווער איז ער?

טעל:

פרעג זיך ניט.
גייט, גייט, די קינדער דאַרפן עס ניט הערן.
גייט פון שטוב אַוועק — ווייט אַוועק — דו דאַרפסט
ניט בלייבן אונטער איין דאַך מיט דעם מענטשן.

הערוויג:

ווי מיר, וואָס איז דאָס? קומט.
גייט אַרויס מיט די קינדער.

טעל

צו דעם מאָנאַך:

איר זייט דער הערצאָג
פון עסטרייך, איר זייט עס. איר האָט דעם קייזער
געהרגעט, אייער האַר און אייער פעטער.

יאָהאַנעס פאַריצידאַ:

ער האָט
באַגזלט מיין ירושה.

טעל:

אייער פעטער
דערהרגעט, אייער קייזער! און אייך טראָגט
די ערד נאָך? און אייך לייכט נאָך אויך די זון?

פאַריצידאַ:

טעל! הערט מיך אויס — —

טעל:

און מיט דעם בלוט באַשמוצט
פון פאָטערמאָרד און אויך פון קייזערמאָרד,

צו קומען וואַגסטו אין מיין ריינעם הויז?
דו וואַגסט דיין פּנים נאָך פאַר גוטע לייט
צו ווייזן און נאָך גאַסטרעכט צו פאַרלאַנגען?

פ אַ ר י צ י ד אַ:
געהאַפט ביי אייך רחמנות צו געפינען.
אויך איר האָט מיט דעם פיינט זיך אָפּגערעכנט.

ט ע ל:
דו גלייכסט דיין שולד פון ערגייץ בלוטיקער
צו דעם גערעכטן זעלבסטשוץ פון אַ פאָטער?
דו האָסט דיין קינדערס ליבע קעפּ פאַרטיידיקט?
דאָס הייליקטום פון היים האָסטו באַשיצט?
זיך איינגעשטעלט פאַר סילעצטע, וואָס דו האָסט?
צום הימל הייב איך מיינע ריינע הענט
און פלוך דיך מיט דיין טאַט — זיך אָפּגערעכנט
האָב איך פאַר דער נאַטור, וואָס דו האָסט זי
געשענדט. כ'בין דיר קיין חבר ניט. דו האָסט
געמאָרדעט, איך — מיין טייערסטעס פאַרטיידיקט.

פ אַ ר י צ י ד אַ:
איר שטויסט מיך אָפּ אַ טרייסטלאָזן אין יאוש.

ט ע ל:
צאָן אימה כאַפּט מיך אָן, ווען כ'רייד מיט דיר.
פאָרט! וואַנדל אין דיין אימהדיקן וועג,
פאַרלאָז די וואוינונג, וואו די אומשולד רוט!

פ אַ ר י צ י ד אַ
קערט זיך אום צו גיין:
איך קאָן און וויל אַזוי ניט לעבן מער.

ט ע ל:
דאָך טוט מיר לייד אויף דיר. אָ, גאָט אין הימל!
נאָך יונג אַזוי, פון אַזאַ איידל שטאַם,
מיין האַרס און קייזערס, רודאָלפס אייניקל —

אַ מערדער, אַ בורח, ביי מיין שוועל
שטייט אין פאַרצווייפלונג, און תחנונים בעט.
פאַרדעקט דאָס פּנים.

פּ אַ ר י צ י ד אַ:
אָ, ווײַנען אויב איר קענט, זאָל אײַך מיין גורל
ביים האַרצן רירן. דאָס איז שרעקלעך. כ'בין
אַ פירשט געווען, כ'וואָלט קענען גליקלעך לעבן,
ווען איך באַצווינג מיין אומרויִקן וואונטש.
צעגאַנגט האָט מיך די קנאה. כ'האָב געזען
די יוגנט פון מיין קוזין כעאָפּאָלד,
באַקרוינט מיט כבוד און מיט לאַנד באַלוינט,
און זיך, וואָס כ'בין מיט אים אין א נע יאָרן,
אין שקלאַפישער אוממינדיקייט געהאַלטן...

ט ע ל:
ס'האָט גוט אַפּנים דיך געקענט דיין פעטער,
וואָס לאַנד און לייט האָט ער פון דיר פאַרמיידן.
אַליין דו מיט דיין ווילדן און משוגענעם מוט
זיין קלוגן פּסק — באַרעכטיקט האָסטו פורכטבאַר. —
וואו זיינען פון דיין מאָרד די בלוטיקע העלפער?

פּ אַ ר י צ י ד אַ:
וואו דער נקמה־גייסט האָט זיי געפירט.
איך האָב זיי זינט יענעם אומגליק ניט געזען מער.

ט ע ל:
צי ווייסטו, אַז מען זוכט דיך, און דו ביסט
פאַר פריינד אין חרם און פאַר שונאים הפקר?

פּ אַ ר י צ י ד אַ:
כ'מייד אויס דעריבער אַלע גרויסע שליאַכן,
איך וואַג ניט אָנצוקלאַפּן אין קיין שטוב.
צו וויסטעניש ווענד איך מיינע טריט.
איך בין אַליין אַ שרעקעניש פאַר מיר,

און שפּרינג אַליין אויף הינטער אָפּ פֿאַר זיך,
ווען ביזע אין פֿייך מיין אומגליקלעך געשטאַלט.

פֿאַלט פֿאַר אים אַנידער.

ט ע ל

קערט זיך אָפּ:

שטייט אויף, שטייט אויף!

פֿ אַ ר י צ י ד אַ:

ניין, ביז איר שטרעקט מיר ניט קיין האַנט צו הילף.

ט ע ל:

וואָס קאָן אַ מענטש אַ זינדיקער אייך העלפֿן?
שטייט איבער אויף, כאָטש איר האָט שרעקלעכעס
געטאָן — איר זייט אַ מענטש, איך אויך בין עס.
אָן טרייסט גייט קיינער ניט אַוועק פֿון טעלן,
און וואָס איך קאָן, דאָס וועל איך טאָן.

פֿ אַ ר י צ י ד אַ

אויפֿשפּרינגענדיק און כאַפּנדיק זיין האַנט מיט געפֿיל:

אָ, טעל!

ט ע ל:

לאָזט אָפּ מיין האַנט — איר מוזט אַוועק, דאָ קענט
איר אומבאַמערקט ניט בלייבן, און אַנדעקט —
אויף שוץ ניט האָפֿן. וואו מיינט איר צו גיין,
וואו האָפֿט איר צו געפֿינען רו?

פֿ אַ ר י צ י ד אַ:

איך ווייס? אַך!

ט ע ל:

הערט, וואָס אַ רעיון איך האָב: איר מוזט גיין
אין לאַנד איטאַליע אין סאַנקט-פּעטערס שטאָט,
און פֿאַלט דעם פּויפּסט דאָרט צו די פֿיס, טוט תּשובֿה,
און ער וועט אייך פֿאַרגעבן אייער זינד.

פ אַ ר י צ י ר אַ:

וועט ער מיך ניט אַרויסגעבן די נוקמים?

ט ע ל:

וואָס ער וועט מיט אייך טאָן, נעמט אָן פאַר גוט.

פ אַ ר י צ י ר אַ:

ווי קום איך אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד?
איך ווייס דאָך ניט דעם וועג, און איך האָב מורא
צו אַנדערע וועגן לייט צוצושטיין אין גיין.

ט ע ל:

דעם וועג וועל איך אייך אויסלערנען — געדענקט נאָר.
אַלץ העכער שטייגט אַנטקעגן שטראָם פון ריין.
וואָס פאַלט אין ווילדן גום פון באַרג אַראָפּ.

פ אַ ר י צ י ר אַ
דערשראָקן:

כ׳וועל זען דעם ריין, דעם עדות פון מיין טאַט!

ט ע ל:

ביים אָפּגרונט גייט דער וועג. ס׳באַצייכענען אים
פיל צלמים, אויפגעשטעלט צו אָנדענקען
פון וואַנדערער, וואָס ס׳האָט דער שניי באַגראָבן.

פ אַ ר י צ י ר אַ:

עס שרעקט מיך ניט קיין שרעק פון דער נאַטור.
איך קען דעם ווילדן פיין פון האַרצן צוימען.

ט ע ל:

פאַר יעדן צלם פאַלט און תשובה טוט
מיט טרערן פון חרטה אויף דער שולד.
און זייט איר גליקלעך דורך דעם וועג פון שרעק,
און שיקט דער באַרג ניט זיינע ווינטשנייען
אויף אייך אַראָפּ פון דעם באַאייזטן יאָך, —
דאַן קומט איר אויף אַ בריק אין וואַסער־שטויב.
ווען זי צעפאַלט ניט אונטער אייער זינד,

און איר ט׳געלאָזט זי הינטער זיך בשלום,
דאַן עפנט זיך פאַר אייך אַ שוואַרצע פעלזנטיר —
קיין טאָג האָט׳ס ניט באַשיינט — דאָ גייט איר דורך,
און ס׳ברענגט אייך אין אַ ליכטיק טאָל פון פריידן.
נאָר איילן מוזט איר גיך אַוועק פונדאַנען.
איר טאָרט ניט בלייבן, וואו עס וואוינט די רו.

פאַריצידאַ:
אָ, רודאָלף, רודאָלף! קיניגלעכער זיידע!
אַזוי זאָל אויף דיין ערד דיין קינד אומבלאָנדזשען!

טעל:
און דאַן קומט איר אַרויס אויף גאָטהאַרדס הייכן,
וואו ס׳זיינען דאָרט די טייכן אייביקע,
וואָס ווערן פול בלויז דורך דעם שטראָם פון הימל.
דאָרט זעגנט איר זיך מיט דער דייטשער ערד.
און פריילעך פירט אייך דאַן אַן אַנדער שטראָם
אין דעם פאַר אייך געבענטשטן לאַנד איטאַליע.
עס הערן זיך פאַסטעך-ניגונים פון פיל טרובעס געשפּילט.
כ׳הער שטימען, גייט אַוועק!

העדוויג
קומט אַריין איילנדיק:
וואו ביסטו, טעל?
דער פאָטער גייט! עס קומען אָן מיט פרייד
די בונד-חברים אַלע —

פאַריצידאַ
פאַרדעקט זיך:
ווי צו מיר,
איך טאָר ניט ביי די גליקלעכע לאַנג בלייבן...

טעל:
מיין ווייב, גיי גיב דעם מאַן צו קרעפטיקן זיך.
און גיב אים מיט-זיך שפּייז, וואָרעם זיין וועג
איז ווייט, און קרעטשמעס זיינען דאָרט ניטאָ.
גיך! זיי גייען.

העדוויג:
ווער איז ער?

טעל:
ניט פרעג!
און ווען ער וועט אוועק — ווענד אפ די אויגן,
דו זאלסט ניט זען, אין וועלכן וועג ער וואנדלט

פארשווינדט ניט צו צו טעלן מיט א האסטיקער באוועגונג. נאר טעל פאסט אים א צייכן מיט דער האנט און גייט אפ. ווען ביידע גייען אוועק אין פארשיידענע זייטן, ענדערט זיך די סצענע און מען זעט אין דער

לעצטער סצענע

דעם גאנצן טאל פון טעלס וואוינונג צוזאמען מיט די בערג, וועלכע רינגלען אים ארום, באזעצט מיט לאנדלייט, וואס בילדן א מאלערישע גרופע. אנדערע קומען פון דורך א הויכער סטעזשקע, וועלכע פירט איבער דעם שטעג. וואלטער פירסט — מיט די ביידע יינגלעך, מעלכטאל און שטויפאכער גייען פאראויס, אנדערע גייען נאך. ווען טעל באווייזט זיך, באגעגענען אים אלע מיט פריילעכע געשרייען.

אלע:
זאל לעבן טעל, דער יעגער און דער רעטער!

בשעת די פאדערשטע שטופן זיך ארום טעלן, און נעמען אים ארום, באווייזן זיך נאך רודענץ און בערטא. רודענץ נעמט זיך ארום מיט די לאנדלייט, בערטא — מיט העדוויג. מוזיק פון בארג באגלייט די שטומע סצענע. ווען זי איז געענדיקט, שטעלט זיך בערטא אינמיטן דעם עולם.

בערטא:
הערט, לאנדלייט, בונד-חברים, נעמט מיך אויף
אין אייער בונד, די ערשטע גליקלעכע
וואס שוץ געפונען האט אין פרייהייטס-לאנד.
בינדט צו אין אייער שטארקער האנט מיין גורל.
איר ווילט אלס אייער בירגערין מיך שיצן?

לאנדלייט:
מיט לייב און זעל!

ב ע ר ט אַ:

טאָ זאָל גאָט בענטשן!
כ'גיב איבער דעם-זאָ בחור מיינע רעכט,
די פרייע שווייצערין — דעם פרייען מענטשן!

ר י ד ע נ ק:

און איך דערקלער פריי אַלע מיינע קנעכט!

מוזיק הייבט פונ'ניי אָן צו שפּילן און דער פאָרהאַנג פאַלט.